בס"ד

## איך האב ליב

די הייליגע

# יום טוב סוכות

## ביכל



ארויסגעגעבן דורך הרב יואל קליין

PRODUCED BY: REALISTIC PRODUCTION




הייליגע קינדערלעך

שמעון שרייבער | הערשי
פאלקאוויטש | וואלווי פאללאק
מושי גליק | יוסי האללענדער
שבתי ריבא | יצחק יואל
האלפערט | אהרן בעער

נתנאל ווייס | שראלי כ"ץ
שרגא וויינפעלד | אפרים קאהן
מאיר ארגעל | יוסי ווייס
יושע וויזענפעלד | שלמה בעער
מאטי האללענדער

## CREDITS

| | |
|---|---|
| טאטע: | הרב יואל קליין |
| ר' קלמיש: | ר' יואל פאלקאוויטש |
| כהן: | ר' ישראל יוסף וועבער |
| שלומי'ס פארעם: | ר' שלמה זלמן האלצער |
| איד אין פעלד: | ר' יואל סופר |
| שומר הר הבית: | ח. גרין |
| ר' לוי: | ר' אברהם פוקס |
| מיסטער האצקל: | ר' חיים יחזקאל ניימאן |
| גבאי: | ר' יואל בוכינגער |

## קינדער סאלאס:

**מיר זענען אלע גרייט** ...... שראלי כ"ץ, אפרים קאהן, יוסי ווייס, הערשי פאלקאוויטש, שרגא וויינפעלד.

**א סוכה'לע א קליינע** ...... שראלי כ"ץ, שרגא וויינפעלד.

**שלומי'ס פארעם** ........... ר' שלמה זלמן האלצער.

**תשובה** ........................ שבתי ריבא, ר' יואל פאלקאוויטש.

**געבט אריין א נחמה'לע** .. וואלווי פאללאק, ר' יואל פאלקאוויטש.

**ושמחת 1** ..................... שרגא וויינפעלד, יצחק יואל האלפערט.

**ושמחת 2** ..................... שראלי כ"ץ.

**ושמחת 3** ..................... הערשי מענצער, יצחק יואל האלפערט, שרגא וויינפעלד.

**ושאבתם מים בששון** ..... שמעון שרייבער, יוסי ווייס, שרגא וויינפעלד.

**אבינו מלכינו גלה כבוד** ... יוסי האללענדער, שבתי ריבא, שרגא וויינפעלד.

**אוי וקרב פזורינו** ........... יצחק יואל האלפערט, שרגא וויינפעלד.

**סדרות** ........................ שבתי ריבא, יצחק יואל האלפערט, יוסי האללענדער, שרגא וויינפעלד, הערשי פאלקאוויטש.

**המלאך** ........................ הערשי פאלקאוויטש.

**והראינו** ........................ יצחק יואל האלפערט, שבתי ריבא, יוסי האללענדער.

**אוי רבונו של עולם** ......... שמעון שרייבער, הערשי פאלקאוויטש.

### א עקסטרע גרויסע יישר כח....

פאר די אלע חשוב'ע עלטערן שיחיו פון **"די הייליגע קינדערלעך קווייער"** פארן ערמעגליכן זייערע קינדער צו אנטיילנעמען אין דעם הערליכן און הייליגן סידי, און אן עקסטערן דאנק פאר די אלע טייערע קינדער וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער פרייע צייט נאך נאכטמאהל צו קומען אין סטודיא, און פאר ענקער געדולד און אויסערגעוועהנליכע גוטע און איידעלע אויפפירונג אין סטודיא.

**מודעה:** קינדער וואס השי"ת האט זיי באשאנקען מיט א שיינע שטימע און א געבוירענע טאלאנט צו זינגען, אדער אז איר ווילט וויסן אויב אייער קינד איז פאסיג צו זיין א חלק אין **"די הייליגע קינדערלעך קווייער"**, אדער פאר מער פרטים וויאזוי דאס גייט צו, שפירט אייך פריי צו רופן: **718-344-1708**. (אונזער סטודיא געפונט זיך אין הארץ פון וויליאמסבורג).

## יישר כח פאר...

אלע חשובע אינגעליט, מלמדים און ידידים פאר זיך קומען באטייליגן אינעם **שמחת תורה הקפות**, און א עקסטרע יישר כח פאר זייערע זיסע קינדערלעך וואס זענען געקומען מיט טאנצן און זיך מיטפרייען.

- • -

ר' **ישראל יוסף וועבער** הי"ו פאר דיין הארץ און נשמה אויף יעדן טריט און שריט, און פאר דיין הילף מיט אלע גראמען לידער.

- • -

המלמד ר' **משה ראזענפעלד** שליט"א פאר דיין ערשט האנטיגע הילף פארן Front Cover

- • -

פאר די אלע חשוב'ע **מנהלים און מלמדים** שליט"א
כל אחד בשמו יבורך פאר אייער עצה ותושיה

- • -

מיין געטרייע טאטע ר' **אהרן צבי קליין** שליט"א פאר דיין אייביגע גרייטקייט און הילף

הר"ר **יודל ווערצבערגער** הי"ו פאר'ן אוועקגעבן פון אייער צייט ארויפצוקומען אין סטודיא אויסלערנען די קינדער אייער הערליכע ווארעמע ניגון **"אבינו מלכינו גלה כבוד מלכותו עלינו"**, און פאר אייער הילף צו פערפעקטן די אידישע גראמען. די קינדער האבן עס נאך געזונגען מיט טרערן פון התרגשות און בענקשאפט.

- • -

### צו מיינע ידידים:

ר' **חיים יחזקאל ניימאן** און ר' **ישראל ניימאן** פון **TGT MasterMind Inc.** 347-560-4332
פאר אייער פראפעסיאנאלע הילף
און ביזנעס קאוטשינג.

- • -

### אחרון אחרון חביב!

צו מיינע טייערע קינדער:
**שלמה יצחק און משה שמעון קליין,**
און ענקער חבר **מעכי ניימאן.**
ענקערע זיסע שטומעס האבן אסאך צוגעגעבן.

הרב יואל קליין

*Grand Piano:*
**ר' חיים יצחק גאלדמאן**
718-633-8886

*Graphics:*
**ר' אליעזר טארים**
845-371-3000

בילדער: **ח. קיסרמאן**
077-495-1325

*Page layout:*
**C&G Typographic**
718-935-1945

*Printed By:*
**Berl Feder** - 347-228-6905

הגהה: **הרב יואל מייזליש**

נקודות: **וְנִכְתָּב**
718-599-0941

איך האב ליב

די הייליגע

# יום טוב סוכות

## CD TRACKS

### CD-1

1. א גוט יום טוב
2. ניגון - מיר זענען אלע גרייט
3. מצות סוכה
4. ניגון - א סוכה'לע א קליינע
5. מצוה עולה רגל
6. מעשה ר' קלמיש
7. ניגון - שלומי'ס פארעם
8. ר' קלמיש ברענגט א קרבן
9. ניגון - תשובה
10. די כהן שחט די ציגעלע
11. ניגון - געבט אריין א נחמה'לע
12. קרבנות לכבוד סוכות
13. שמחת בית השואבה אין בית המקדש
14. ניגונים - ושמחת 1, ושמחת 2 ושמחת 3, ושאבתם מים בששון

### CD-2

1. די אידן שעפן וואסער
2. ניגונים - אבינו מלכינו גלה כבוד, אוי וקרב פזורינו
3. מצוה שאקלען לולב
4. מצוה ושמחת בחגך
5. חול המועד אין פארק
6. הושענא רבא
7. שמיני עצרת - גשם
8. שמחת תורה
9. ניגון - סדרות
10. די זיבן הייליגע הקפות
11. עולה זיין
12. כל הנערים
13. ניגון - המלאך
14. מוצאי יום טוב
15. ניגון - והראינו, אוי רבונו של עולם

**טְרֶעק 1: אַ גוט יוֹם טוֹב** [CD-1]

**מִשְׁפָּחָה:** אַ גוּט יוֹם טוֹב!

**מֵאִיר:** אַה, מְ'גֵייטֶער אַרַיינְגֵיין אִין אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע סוּכָּה!

**יוֹסִי:** אַההה, וִוי שֵׁיין! סְ'שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי הֵיילִיג דָא אַרַיינְצוּגֵיין.

**מוֹשִׁי:** קוּק טַאטִי, דָא הֶענְגְט מַיין שֵׁיינֶע נוֹי סוּכָּה וָואס אִיךְ הָאבּ אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט פוּן חֵדֶר! זֶעהסְט? סְ'הָאט אַ אֶתְרוֹג, מִיט אַ לוּלָב! סְ'אִיז שֵׁיין?

**טַאטֶע:** אַוַודַאי מוֹשִׁי, סְ'אִיז זֵייעֶר שֵׁיין!

**שְׂרָאֶלִי:** אָה, דָא לִיגְט דִי גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע בֶּענְקְל, אוּן דָאס גֵייט יֶעצְט וֶוערְן מַיין פְּלַאץ!

**יוֹסִי:** אֵיין מִינוּט, אֵיין מִינוּט, אֵיין מִינוּט, דוּ נֶעמְסְט דִי גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע בֶּענְקְל פַאר דִיךְ? אוּן וואוּ גֵיי אִיךְ זִיצְן? אֶפְשָׁר קוּמְט זִיךְ דִי שֵׁיינֶע בֶּענְקְל פַאר מִיךְ?

**מֵאִיר:** חָלִילָה! אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערַיי וֶועגְן אַ בֶּענְקְל?! נֵיין, דוּ שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע! "דוּ יֵצֶר הָרָע קוּמְסְט נִישְׁט אַרַיין צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע סוּכָּה!". הֶערְטְס אוֹיס יֶעדֶער, טַאטִי גֵייט זָאגְן וואוּ יֶעדֶער זָאל זִיצְן, אוּן מִיר וֶועלְן אַלֶע אוֹיסְהֶערְן נָאר דֶעם יֵצֶר טוֹב אוּן פָּאלְגְן:

**קִינְדֶער:** "מִיט אַ שְׁמֵייכְל!"

**טַאטִי:** אָה, עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר וואוֹילֶע קִינְדֶער! קוּם, מֵאִיר, דוּ גֵייסְט זִיצְן דָא. יוֹסִי, דוּ גֵייסְט זִיצְן דָא. שְׂרָאֶלִי דָא, שְׁלוֹמִי דָא, אוּן מוֹשִׁי דָא, אוּן יֶעדֶער הָאט פְּלַאץ. אוּן יֶעצְט גֵייעֶן מִיר אַרַיינְרוּפְן זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע גַאסְט וָואס קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ וַוייטֶע פְּלַאץ! וֶוער קֶען צוּטְרֶעפְן?!

**שַׁבְּתַי:** אַ גַאסְט וָואס קוּמְט פוּן אַ וַוייטֶע פְּלַאץ? וֶוער? אָה! אִיךְ מֵיין אִיךְ וֵוייס, אַבְרָהָם אָבִינוּ!

**טַאטֶע:** יָא, דוּ וֵוייסְט גוּט, אַבְרָהָם אָבִינוּ קוּמְט!



# יום טוב סוכות

**שְׂרָאְלִי:** אַבְרָהָם אָבִינוּ פוּן די חוּמָשׁ, קוּמְט דָא אַהֶער צוּ אוּנְזֶער סוּכָּה?!

**טאַטֶע:** יָא שְׂרָאְלִי! יֶעדֶע נַאכְט סוּכּוֹת קוּמְט אַרָאפּ פוּן גַן עֵדֶן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע גַאסְט! און די גַאסְט אִיז דָא אַ גַאנְצֶע טָאג בִּיז די נֶעקסְטֶע נַאכְט. די עֶרְשְׁטֶע נַאכְט קוּמְט אַבְרָהָם אָבִינוּ, די צְווייטֶע נַאכְט קוּמְט יִצְחָק אָבִינוּ, און די דְרִיטֶע נַאכְט קוּמְט יַעֲקֹב אָבִינוּ, און וֶוער וֵוייסְט וֶוער ס'קוּמְט די פֶערְטֶע נַאכְט סוּכּוֹת?

**שְׂרָאְלִי:** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ!

**טאַטֶע:** זֵייעֶר גוּט! און די פִינְפְטֶע נַאכְט?

**שַׁבְּתִי:** אַהֲרֹן הַכֹּהֵן!



**טאַטע:** זייער גוט! און די זעקסטע נאַכט?

**יִצְחָק:** יוֹסֵף הַצַדִיק!

**טאַטע:** זייער גוט! און די זיבעטע נאַכט סוכות קומט?

**מֵאִיר:** דָוִד הַמֶלֶךְ!

**טאַטע:** זייער גוט! אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, און יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַדִיק און דָוִד הַמֶלֶךְ, זיי רופט מען אָן "די הייליגע אושפיזין", דאס מיינט די הייליגע געסט. אין יעדע סוכה ווי מ'פירט זיך אויף ערליך און וואויל, קומען זיי אַראָפּ צו זיין אונזער גאַסט! מ'קען זיי נישט זעהן, אָבער מיר גלייבן אַז זיי זענען דא, און זיי לאָזן איבער פאר אונז אַסאך גוטע בְּרָכוֹת! נו, לאָמיר זיי צוזאמען איינלאַדענען:

**מִשְׁפָּחָה:** אֲזַמִּין לִסְעֻדָּתִי, אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין, אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד:

**טרעק 2: ניגון - מיר זענען אַלע גרייט** [CD-1]

מיר זענען אַלע גרייט, סוכות איז שוין דא,
אין אַ מַזָל'דיגע שָׁעָה.
אַ סוכה'לע געבויט אַזוי הערליך און שיין,
מיר גייען אין די סוכה'לע אַריין.

דער אייבערשטער אַליין, וויל מיט אונז זיין,
ער נעמט אונז אַריין אין זיין שטוב,
אַ מִצְוָה מ'האט, יעדע רגע מ'איז דארט,
צו זיין אין די סוכה האב איך ליב.
די הייליגע אושפיזין קומען צו אונז, יעדע נאכט אַזא כָּבוֹד,



# יום טוב סוכות

אַבְרָהָם יִצְחָק, יַעֲקֹב מֹשֶׁה, אַהֲרֹן יוֹסֵף אוּן דָוִד.
גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדוֹת מִיר עֶסְן יֶעדְן טָאג,
אוּן לֵישֵׁב בַּסוּכָּה אִיךְ זָאג.
אַ לוּלָב אֶתְרוֹג, הֲדַסִים אוּן עֲרָבוֹת,
אַזוֹיפִיל שֵׁיינֶע מִצְווֹת אִיךְ פַארְמָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וֵויל מִיט אוּנְז זַיין,
עֶר נֶעמְט אוּנְז אַרַיין אִין זַיין שְׁטוּבּ,
אַ מִצְוָה מְ'הָאט, יֶעדֶע רֶגַע מְ'אִיז דָארְט,
צוּ זַיין אִין דִי סוּכָּה הָאבּ אִיךְ לִיבּ.

**טְרֶעק 3: מִצְוַת סוּכָּה** [CD-1]

**שְׁלוֹמִי:** טַאטִי, פַארְוָואס דַארְף מֶען זִיצְן אִין דִי סוּכָּה?

**טַאטֶע:** וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּנְז גֶעהֵייסְן! אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים". דָאס מֵיינְט: אִין אַ סוּכָּה זָאלְט אִיר זִיצְן זִיבְּן טֶעג. אוּן בִּשְׁעַת מִיר זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע לַאנְד מִצְרַיִם, הָאט עֶר אוּנְז גֶעפִירְט דוּרְךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר. וֶוער גֶעדֶענְקְט?

**יוֹסִי:** אִיךְ! אִין דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר אִיז דָא אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת מִיט גְרוֹיסֶע צַיינֶער וָואס קֶענֶען בַּייסְן, אוֹיךְ אִיז דָארְט דָא רִיזִיגֶע בֶּערְג, מִיט גְרוֹיסֶע לֶעכֶער וִוי מְ'קֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּן. אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן אָפְּגֶעהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַ וָואלְקְן פוּן אַלֶע זַייטְן, "אַזוֹי וִוי אַ סוּכָּה"!

**טַאטֶע:** יָא, זֵייעֶר גוּט יוֹסִי! אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאפוֹילְן,



אַז אַ יֶעדֶע יָאר, זָאלְן מִיר בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה, אוּן אִין דִי סוּכָּה דַארְפְן מִיר עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן פַאר זִיבְּן טֶעג.

**שַׁבְּתִי:** אָבֶער טַאטִי, דִי נֵס פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דִי וָואלְקְן אִיז גֶעוֶוען אַזַא לַאנְגֶע צַייט צוּרִיק, גְלַייךְ נָאךְ פֶּסַח! אוּן פַארְוָואס מַאכְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת יֶעצְט, אַזוֹי סַאךְ וָואכְן שְׁפֶּעטֶער?

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעפְרֶעגְט. וַוייל אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהֵייסְן! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט אַז מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה וֶוען סְ'וֶוערְט שׁוֹין ווִינְטֶער, אוּן סְ'פַאנְגְט שׁוֹין אָן צוּ וֶוערְן קַאלְט, אוּן אוֹיךְ פַאנְגְט שׁוֹין אָן צוּ רֶעגְנֶען. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל וַוייזְן פַאר אַלֶע זַיינֶע מַלְאָכִים אוּן אוֹיךְ פַאר אַלֶע גוֹיִם, ווִי גֶעטְרַיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען, אוּן אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פָאלְגְן אַלֶעס וָואס סְ'שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ וֶוען סְ'אִיז שְׁוֶוער.

וֶועגְן דֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהֵייסְן אַז מִיר זָאלְן בּוֹיעֶן אַ סוּכָּה, אוּן דִי סוּכָּה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט שְׁטַארְק אַזוֹי ווִי אַ עֶכְטֶע הוֹיז, אַ



סוּכָּה דַארְף מֶען בּוֹיעֶן מִיט דִינֶע בְּרֶעטֶעלֶעךְ, און אוֹיף דִי דַאךְ לֵייגְט מֶער אַרוֹיף דִינֶע סְכַךְ, וָואס דִי סְכַךְ אִיז גֶעמַאכְט פוּן בִּילִיגֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ הָאלְץ אָדֶער בְּלֶעטֶעלֶעךְ, און וֶוען ס'בְּלָאזְט אַ וִוינְט וֶוערְט קַאלְט, און וֶוען ס'רֶעגְנְט, רֶעגְנְט אַרַיין אִין דִי סוּכָּה און אַלֶעס וֶוערְט נַאס. און מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען און מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אֲפִילוּ וֶוען ס'קוּמְט אָן שְׁוֶוער.

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעוָואלְט, אַז דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, זָאל זַיין גְלַייךְ נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר, וֶוען יֶעדֶער הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן און דִי נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין רֵיין, און אַזוֹי מִיט אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה זָאלְן מִיר אַרַיינְגֵיין אִין דִי סוּכָּה. מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי סוּכָּה מִיט דִי קְלֵיידֶער, און מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פַאר יֶעדֶע רֶגַע וָואס מִיר זֶענֶען אִין דִי סוּכָּה.

## טְרֶעק 4: נִיגוּן - אַ סוּכָּה'לע [CD-1]

אַ סוּכָּה'לֶע אַ קְלֵיינֶע, פוּן בְּרֶעטֶעלֶעךְ שֵׁיינֶע,<br>
הָאבּ אִיךְ מִיר אַ סוּכָּה'לֶע גֶעמַאכְט,<br>
בַּאדֶעקְט דֶעם דַאךְ, מִיט אַבִּיסֶעלֶע סְכַךְ,<br>
הָאבּ אִיךְ מִיר אַ סוּכָּה'לֶע גֶעמַאכְט.

**אוֹי, הָרַחֲמָן הוּא יָקִים לָנוּ אֶת סוּכַּת דָוִד הַנוֹפָלֶת.**

## טְרֶעק 5: סוּכּוֹת אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ [CD-1]

**שְׁרָאְלִי:** טַאטִי, אִין אַמָאלִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז נָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען, הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעבּוֹיעֶט אַ סוּכָּה?

**טַאטֶע:** אַוַודַאי הָאט מֶען אִין דִי צַייטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ גֶעבּוֹיעֶט אַ סוּכָּה, אָבֶער כִּמְעַט יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט עֶס גֶעבּוֹיעֶט אִין יְרוּשָׁלַיִם, נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים!



# יוֹם טוֹב סוּכּוֹת

**שְׂרָאֶלִי:** פַארְוָואס אִין יְרוּשָׁלַיִם?

**טַאטֶע:** וַוייל אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן "עוֹלֶה רֶגֶל", דָאס מֵיינְט אַרוֹיפְגֵיין צוּ יְרוּשָׁלַיִם, אוּן קוּמֶען בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּן אַלֶע טוֹיזֶענְטֶער מִילְיָאנֶען אִידְן, טַאטֶע'ס, מַאמֶע'ס, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע אִינְגֶעלֶעךְ, יֶעדֶער וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט וַוייט אַוֶועק פוּן יְרוּשָׁלַיִם, הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין דִי לַאנְגֶע וֶועג, אוּן יֶעדֶער אִיז גֶעפָארְן בִּיז יְרוּשָׁלַיִם צוּ קֶענֶען זַיין יוֹם טוֹב אִין דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ.

**שַׁבְּתִי:** וַואוּ! מִסְתָּם הָאט זִיךְ גֶעטוּהְן, מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן.

**מֵאִיר:** אַוַודַאי, מְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן אִיבֶּעְרָאל!

**שַׁבְּתִי:** יָא! יֶעדֶער פָארְט צוּזַאמֶען, סְ'טוּט זִיךְ אַ מַצָב!



מֵאִיר: און יֶעדֶער פָּארְט צוּ דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ!

שַׁבְּתַי: צוּ זַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם!

טַאטֶע: נִישְׁט נָאר סוּכּוֹת אִיז מֶען גֶעפָארְן, נָאר מְ'אִיז גֶעפָארְן דְרַיי מָאל אַ יָאר. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה", דָאס מֵיינְט דְרַיי מָאל אַ יָאר, אֵיין מָאל פֶּסַח, אֵיין מָאל שְׁבוּעוֹת, און אֵיין מָאל סוּכּוֹת, דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער, אֲפִילוּ קְלֵיינֶע אִינְגֶעלֶעךְ, אַרוֹיפְגֵיין צוּ יְרוּשָׁלַיִם און גֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁחְטְ'ן קָרְבָּנוֹת!

שְׁרַגָא: טַאטִי, וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? און פַאר וָואס אִיז דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעוֶוען "אַזוֹי" הֵיילִיג?

טַאטֶע: וַוייל דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דִי הוֹיז פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער!

שְׁרַגָא: דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דִי הוֹיז פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער? דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִין דִי הִימְל!

טַאטֶע: אֶמֶת, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אַז מִיר אִידְן זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר אִים אַ הוֹיז וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען וואוֹינֶען צְוִוישְׁן אוּנְז אִידְן. און דֶער הוֹיז אִיז גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי בַּארְג סִינַי, אָבֶּער אִין דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהן, נָאר מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט "אֱמוּנָה", מִיר הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶער גְרֶעסְטֶער קֶענִיג פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז דָא אוּנְטְן צְוִוישְׁן אוּנְז אִין דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

מֵאִיר: וַואוּ! דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען דִי הוֹיז פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶער גְרֶעסְטֶער קֶענִיג. אִיז דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעוֶוען שֵׁיין? ס'אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט אַזוֹי וִוי אַ פַּאלַאץ וָואס מְ'בּוֹיעֶט פַאר אַ קֶענִיג?

טַאטֶע: זִיכֶער! דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען דִי שֶׁענְסְטֶע פַּאלַאץ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! ס'אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט גְרוֹיס מִיט דִי טַייעֶרְסְטֶע און שֶׁענְסְטֶע שְׁטֵיינֶער, מִיט גָאלְד און זִילְבֶּער. און אוֹיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען הֵיילִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן



גֶעהֵייסְן "כֹּהֲנִים", אוּן דִי כֹּהֲנִים זֶענֶען גֶעוֶוען דִי בַּאדִינֶערְס פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

**יוֹסִי:** אוּן וָואס הָאבְּן דִי בַּאדִינֶערְס, דִי כֹּהֲנִים גֶעטוּהְן?

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אַז דִי כֹּהֲנִים זָאלְן יֶעדְן טָאג בְּרֶענְגֶען צְוֵויי קָרְבָּנוֹת. אֵיינְס צוּפְרִי אוּן אֵיינְס נָאכְמִיטָאג, אוּן דָאס הָאט גֶעהֵייסְן אַ "קָרְבַּן תָּמִיד". דָאס מֵיינְט, אַ קָרְבָּן וָואס מֶען בְּרֶענְגְט יֶעדְן טָאג.

**שַׁבְּתַי:** וַואוּ! דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אָבֶער הָאט סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אִינֶעוֵוייניג אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ?

**טַאטֶע:** נֵיין! וֶוער סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, הָאט נִישְׁט גֶעמֶעגְט אַרַיינְגֵיין אִינֶעוֵוייניג אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ. אָבֶער, עֶר הָאט יָא גֶעמֶעגְט גֵיין אִינְדְרוֹיסְן בִּיז נֶעבְּן דִי טִיר וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הוֹיף אַרוּם אוּן אַרוּם דִי גַאנְצֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּן אוֹיךְ אִיז דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע מִזְבֵּחַ גֶעלִיגְן אִינְדְרוֹיסְן אִין דִי גְרוֹיסֶע הוֹיף, כְּדֵי אֵייבִּיג, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן יָאר, וֶוען אַ פְּלֶעינֶע אִיד וָואס אִיז נִישְׁט אַ כֹּהֵן קוּמְט בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן, זָאל דֶער אִיד אוֹיךְ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן אוּן זֶעהן וִויאַזוֹי דֶער כֹּהֵן שֶׁחְט אוּן אִיז מַקְרִיב דִי בְּהֵמָה.

**יוֹסִי:** אַזוֹי אִינְטֶערְסַאנְט! אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן? אֲפִילוּ סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אַ יוֹם טוֹב?

**טַאטִי:** יָא יוֹסִי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער לָאזְט אֵייבִּיג אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן, וֶוען מְ'ווִיל! אוֹיסֶער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע בָּאבָא, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן דִי בָּאבָא הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט. אָדֶער אוֹיבּ אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין דְזְשֶׁעיל חַס וְשָׁלוֹם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעפָארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג אוֹיף אַ שִׁיף אִין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע יַם מִיט הוֹיכֶע כְוַואלְיֶעס, אָדֶער אוֹיבּ אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעדַארְפְט אַדוּרְכְפָארְן אִין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר וואוּ סְ'אִיז דָא אַסַאךְ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן סְ'אִיז אִים



גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן - דֶעמָאלְטְס דַארְף דֶער אִיד בְּרֶענְגֶען אַ "קָרְבַּן תּוֹדָה", דָאס מֵיינְט אַ קָרְבָּן צוּ דַאנְקֶען פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

**מֵאִיר:** טַאטִי, אִיךְ וִויל עֶפֶּעס פְרֶעגְן! וָואס אִיז אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעטוּהְן חָלִילָה וְחַס אַ מִיסְטֶעיק אוּן גֶעטוּהְן אַן עֲבֵירָה, אָבֶער יֶעצְט וִויל עֶר טוּהן תְּשׁוּבָה, קֶען עֶר אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער?

**טַאטִי:** אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעטוּהְן חָלִילָה אַן עֲבֵירָה, אַוַודַאי הָאט עֶר גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען אַ "קָרְבַּן חַטָאת", דָאס מֵיינְט אַ קָרְבָּן צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער. זָאל אִיךְ עֶנְק פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט רֶ' קַלְמִישׁ?

**קִינְדֶער:** אַוַודַאי!



**טְרֶעק 6: מַעֲשֶׂה רֶ' קַלְמִישׁ** [CD-1]

**טַאטֶע:** אֵיינְמָאל, סְ'אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת צוּפְרִי, אוּן רֶ' קַלְמִישׁ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעוָאשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, גֶעזָאגְט מוֹדֶה אֲנִי, אוּן אָנְגֶעצִינְדְן דִי לֵייט...

**שְׁלוֹמִי:** "עֶהֶה ....מֻקְצֶה"!!! מְ'טָאר נִישְׁט אָנְצִינְדְן אַ לֵייט אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ!

**טַאטֶע:** מֶען טָאר טַאקֶע נִישְׁט, אָבֶּער רֶ' קַלְמִישׁ הָאט פַארְגֶעסְן אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ! רֶ' קַלְמִישׁ אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין קָאךְ אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין קָאכְן אֵייעֶר...

**חַיִּים:** קָאכְן אֵייעֶר אוּם שַׁבָּת?! שַׁבָּת קוֹדֶשׁ טָאר מֶען נִישְׁט קָאכְן!

**טַאטֶע:** אֱמֶת, אָבֶּער רֶ' קַלְמִישׁ הָאט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז סְ'אִיז יֶעצְט שַׁבָּת! רֶ' קַלְמִישׁ זָאגְט צוּ זִיךְ:



**קַלְמִיש:** אָקֶעי, וואו אִיז מַיין טָאפּ? אָה דָא, לָאמִיךְ נֶעמֶען לוֹיזֶע אֵייֶער פוּן דִי פְרִידְזְשִׁידֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ טָאפּ מִיט וַואסֶער, אַזוֹי, לָאמִיךְ עֶס אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף דִי גֶעז, אוּן אָנְצִינְדְן דִי פַייֶער אַז ס'זָאל קָאכְן...

**טַאטֶע:** אַזוֹי אִינְמִיטְן קָאכְן דִי אֵייֶער, הָאט רֶ' קַלְמִיש גֶעקוּקְט אוֹיף דִי טִישׁ, אוּן רֶ' קַלְמִיש זֶעהְט אַז אוֹיף דִי טִישׁ אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע וַוייסֶע שַׁבָּת'דִיגֶע טִישְׁטוּךְ, אוּן אוֹיף דִי טִישְׁטוּךְ אִיז גֶעלִיגְן דִי הֶערְלִיכֶע זִילְבֶּערְנֶע לַייכְטֶער, אוּן רֶ' קַלְמִישׁ הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט...

**קַלְמִיש:** אוֹי! הַיינְט אִיז דָאךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ! מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אָנְצִינְדְן אַ פַייֶער! מֶען טָאר נִישְׁט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ קָאכְן! אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיכֶעט אָנְגֶעצִינְדְן אַ לֵייט אוּם שַׁבָּת? יוֹשְׁשְׁ.. אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַן עֲבֵירָה! אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ מִיסְטֶעיק! אִיךְ הָאבּ מְצַער גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער! וָואס טוּה אִיךְ יֶעצְט? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן??

**טַאטֶע:** רֶ' קַלְמִישׁ הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אָנְגֶעטוּהְן זַיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן עֶר לוֹיפְט שְׁנֶעל צוּ זַיין שָׁכֵן רֶ' אִיתָמָר פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּהְן. רֶ' קַלְמִיש'ס שָׁכֵן רֶ' אִיתָמָר אִיז גֶעוֶוען אַ רָב, אוּן אוֹיךְ אַ כֹּהֵן וָואס הָאט גֶעאַרְבֶּעט אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**קַלְמִיש:** קְנַאק קְנַאק,

**כֹּהֵן:** וֶוער אִיז דָארְט?

**קַלְמִיש:** דַיין שָׁכֵן רֶ' קַלְמִישׁ, כְ'הָאבּ זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אַייךְ צוּ פְרֶעגְן!

**כֹּהֵן:** אַ גוּט שַׁבָּת רֶ' קַלְמִישׁ! אַ גוּט שַׁבָּת! נוּ, מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?

**קַלְמִיש:** (וֵויינְט) אַ גוּט שַׁבָּת..

**כֹּהֵן:** רֶ' קַלְמִישׁ?! וֶועגְן וָואס וֵויינְט אִיר?

**קַלְמִיש:** כְ'הָאבּ פְרִיעֶר גֶעטוּהְן זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת!! כְ'הָאבּ, כְ'הָאבּ אָנְגֶעצִינְדְן דִי לֵייט, אוּן אוֹיךְ אָנְגֶעצִינְדְן דִי פַייֶער אוֹיף דִי גֶעז רֶענְדְזשׁ אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען קָאכְן אֵייעֶר אוּם שַׁבָּת.

**כֹּהֵן:** אוֹי וַויי רֶ' קַלְמִישׁ! אָבֶּער זָאג מִיר, דוּ הָאסְט עֶס גֶעטוּהְן פַאר דַוְקָא?



**קַלְמִיש:** עֶה? חַס וְשָׁלוֹם! סְ'נִישְׁט גֶעוֶוען פַּאר דַוְוקָא, כְ'הָאבּ עֶס גֶעטוּהְן פַּאר אַ מִיסְטֶעיק, כְ'הָאבּ פַּארְגֶעסְן אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ! אוּן כְ'הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. אוֹי!! (וֵויינְט)

**כֹּהֵן:** רֶ' קַלְמִיש, בַּארוּהִיגְט אַייך! אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שְׁטֵייט, אַז אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף חִלּוּל שַׁבָּת בְּשׁוֹגֵג, דָאס מֵיינְט פַּאר אַ מִיסְטֶעיק, דַארְף עֶר בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן אִין דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ, אוּן דֶער קָרְבָּן הֵייסְט אַ "קָרְבַּן חַטָּאת", דָאס מֵיינְט אַ קָרְבָּן פוּן אַן עֲבֵירָה בְּשׁוֹגֵג. אוּן דוּ וֶועסְט דַארְפְן עֶרְלִיך תְּשׁוּבָה טוּהן!

**קַלְמִיש:** אָקֶעי רֶ' אִיתָמָר, אָבֶּער וֶוען זָאל אִיך בְּרֶענְגֶען דֶעם קָרְבַּן חַטָּאת, יֶעצְט? הַיינְט?

**כֹּהֵן:** נִישְׁט הַיינְט! נִישְׁט שַׁבָּת! אָבֶּער דוּ קֶענְסְט עֶס בְּרֶענְגֶען אִינְמִיטְן דִי וָואך. דוּ וֵוייסְט וָואס, רֶ' קַלְמִיש? אִין דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ אַרְבֶּעטְן טוֹיזְנְטֶער כֹּהֲנִים, אוּן נִישְׁט אַלֶע כֹּהֲנִים אַרְבֶּעטְן יֶעדְן טָאג אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, נָאר מִיר טֵיילְן זִיך אַיין אִין גְרוּפֶּעס, אוּן יֶעדֶע וָואך שַׁבָּת טוֹישְׁט מֶען צוּ אַן אַנְדֶערֶע גְרוּפֶּע.



אוּן דוּ וֵוייסְט, רֶ' קַלְמִישׁ? דִי וָואךְ גֵייט מַיין גְרוּפֶּע הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ אַרְבֶּעטְן אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן אִיךְ וֶועל דָארְט זַיין, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען דַיין קָרְבַּן חַטָאת, וֶועל אִיךְ דִיר עֶס שֶׁחְטְ'ן עֶרְלִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**קַלְמִישׁ:** אַה! אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֶ' אִיתָמָר! אַ גוּט שַׁבָּת!

**כֹּהֵן:** אַ גוּט שַׁבָּת רֶ' קַלְמִישׁ, אַ גוּט שַׁבָּת!

**טַאטֶע:** רֶ' קַלְמִישׁ הָאט קוֹים גֶעקֶענְט וַוארְטְן בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן זוּנְטָאג, אוּן עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ שְׁלוֹמִי'ס בְּהֵמָה סְטָאר, וואוּ עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן רֶ' שְׁלֹמֹה מִיט זַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן אוּן פַארְקוֹיפְן בְּהֵמוֹת.

## טְרֶעק 7: נִיגוּן - שְׁלוֹמִי'ס פַּארֶעם [CD-1]

אִיךְ בִּין שְׁלוֹמִי'ס פַּארְם, אַ יֶעדְן נֶעם אִיךְ אוֹיף וַוארֶעם.
פוּן אִיבֶּערָאל קוּמְט מֶען צוּ לוֹיפְן,
פוּן שְׁלוֹמִי'ס בְּהֵמָה'ס קוֹיפְן.
אוֹיבּ אֵיינֶער דַארְף אַ קָרְבָּן פַּאר זִיךְ,
אַלֶע סָארְט בְּהֵמָה'ס הָאבּ אִיךְ.
צִיגֶעלֶעךְ שֶׁעפֶּעלֶעךְ קְלֵיינֶע,
קִיעֶן שֶׁעפְּסֶעלֶעךְ שֵׁיינֶע.

צִיגֶעלֶע – מֶעהֶהה, שֶׁעפֶּעלֶע – בֶּעהֶההה,
רֵיין גֶעזוּנְט מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת.
קִיעֶלֶע – מָאָאאהֶהה, שֶׁעפְּסֶעלֶע-עֶהֶהֶהה,
בַּיי שְׁלוֹמִי'ס פַּארֶעם קֶענְט אִיר טְרֶעפְן אַלֶעס.



**טְרֶעק 8: רֶ' קַלְמִיש בְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן** [CD-1]

**קַלְמִיש:** אָה, אַ גוּטְן טָאג רֶ' שְׁלֹמֹה, וָואס זִינְגְט אִיר אַזוֹי שֵׁיין?

**שְׁלֹמֹה:** אַה! אַ גוּטְן טָאג רֶ' קַלְמִיש! כְ'הָאבּ אַייךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען! וָואס מַאכְט אִיר עֶפֶּעס?

**קַלְמִיש:** אְמְם... בָּרוּךְ הַשֵׁם...

**שְׁלֹמֹה:** רֶ' קַלְמִיש, אִיר קוּקְט אוֹיס זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן? וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן רֶ' קַלְמִיש?

**קַלְמִיש:** אְמְם.. כְ'שֶׁעם מִיךְ צוּ זָאגְן...

**שְׁלֹמֹה:** וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן רֶ' קַלְמִיש??

**קַלְמִיש:** אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קוֹיפְן אַ בְּהֵמָה פַאר אַ קָרְבַּן חַטָאת, וַוייל.. וַוייל.. וַוייל כְ'הָאבּ..



**שְׁלֹמֹה:** אוֹי, רֶ' קַלְמִישׁ!

**קַלְמִישׁ:** כְ'הָאבּ בְּטָעוּת אָנְגֶעצִינְדְן...

**שְׁלֹמֹה:** זָארְגְט אַייךְ נִישְׁט! קוּם, דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע רֵיינֶע צִיגֶעלֶע. (מֶעֱהֶה...) זֶעהסְט? אֲפִילוּ דִי צִיגֶעלֶע זָאגְט אַז זִי אִיז גְרֵייט צוּ זַיין אַ קָרְבָּן פַאר דִיר...

**קַלְמִישׁ:** אוּן וִויפִיל קָאסְט דִי שֵׁיינֶע רֵיינֶע צִיגֶעלֶע?

**שְׁלֹמֹה:** הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

**קַלְמִישׁ:** אָקֶעי, לָאמִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיין גֶעלְט, דָא הָאט אִיר הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

**שְׁלֹמֹה:** אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֶ' קַלְמִישׁ!

**קַלְמִישׁ:** אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֶ' שְׁלֹמֹה! קוּם צִיגֶעלֶע, "הֲרֵי זֶה חַטָּאת"! דוּ גֵייסְט זַיין מַיין קָרְבַּן חַטָּאת!

**שְׁלֹמֹה:** זֵייעֶר גוּט רֶ' קַלְמִישׁ. אָבֶּער גֶעדֶענְקְט! אַזוֹי וִוי אִיר הָאט יֶעצְט גֶעזָאגְט אַז דִי צִיגֶעלֶע זָאל זַיין אַ קָרְבַּן חַטָּאת אוּן עֶס מַקְרִיב זַיין פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דִי צִיגֶעלֶע יֶעצְט גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צִיגֶעלֶע! אוּן אִיר מוּזְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי צִיגֶעלֶע זָאל זִיךְ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט צוּקְלַאפְּן! ווַייל אִין דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ קֶען מֶען נָאר בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן וָואס אִיז גַאנְץ אָן אַ פֶעלֶער. אוֹיבּ חָלִילָה גֵייט עֶפֶּעס גֶעשֶׁען צוּ דִי צִיגֶעלֶע, לְמָשָׁל, אוֹיבּ דִי צִיגֶעלֶע וֶועט אַרָאפְּפַאלְן, זִיךְ צוּקְלַאפְּן, אוּן צוּבְּרֶעכְן דִי פִּיס, וֶועט דִי צִיגֶעלֶע וֶוערְן פָּסוּל, אוּן אִיר וֶועט מוּזְן קוֹיפְן אַ נֵייעֶ צִיגֶעלֶע פַאר אַ קָרְבַּן חַטָּאת. גֶעדֶענְק, וַואכְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְק!

**קַלְמִישׁ:** אָקֶעי, רֶ' שְׁלֹמֹה, אִיךְ וֶועל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צִיגֶעלֶע אַז סְ'זָאל אָנְקוּמֶען אִין דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ שֵׁיין רֵיין, גַאנְץ אוּן גֶעזוּנְט.

**שְׁלֹמֹה:** אָט אַזוֹי, זֵייעֶר גוּט רֶ' קַלְמִישׁ!

**קַלְמִישׁ:** אַ גוּטְן טָאג רֶ' שְׁלֹמֹה!

**שְׁלֹמֹה:** אַ גוּטְן טָאג, אַ גוּטְן טָאג.

**קַלְמִישׁ:** קוּם צִיגֶעלֶע, לָאמִיר גֵיין.



**טַאטֶע:** רֶ' קַלְמִישׁ הָאט גֶענוּמֶען זַיין הֵיילִיגֶע צִיגֶעלֶע, אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ. אִינְמִיטְן דִי וֶועג, הָאט רֶ' קַלְמִישׁ זִיךְ פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט...

**קַלְמִישׁ:** אוֹישׁ, כְ'הָאבּ מִיךְ דָא פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט, וואוּ בִּין אִיךְ דָא? אַלֶע וֶועגְן גֵייעֶן דָא אַזוֹי גֶעדְרַייט! מִיט בֶּערְג, אַרוֹיף אַרָאפּ.. אָה, דָארְט זֶעה אִיךְ אַ אִיד אַרְבֶּעטְן אִין אַ גְרוֹיסְן פֶעלְד, אֶפְשָׁר קֶען מִיךְ דֶער אִיד הֶעלְפְן. לָאמִיךְ אִים גֵיין פְרֶעגְן.. "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט רֶ' אִיד, אִיר וֵוייסְט אֶפְשָׁר דִי וֶועג וְויאַזוֹי מְ'קוּמְט אָן צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ?"

**טַאטֶע:** דֶער אִיד אוֹיפְן פֶעלְד טְרַאכְט צוּ זִיךְ...

**אִיד:** אוֹי וַויי, אִיךְ זֶעה וִוי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט מִיט אַ שֵׁיינֶע צִיגֶעלֶע צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, מִן הַסְתָּם הָאט עֶר גֶעטוּהְן אַן עֲבֵירָה בְּשׁוֹגֵג, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ מִיסְטֶעיק, אוּן יֶעצְט קוּמְט עֶר בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן, אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּ אִים שֵׁיין, כְ'וִויל אִים נִישְׁט חָלִילָה פַארְשֶׁעמֶען.



**קַלְמִישׁ:** אַנְטְשׁוּלְדִיגְט?

**אִיד:** אָה יָא! אַוַדְאַי וַייס אִיךְ! יֶעדֶער וֶוערְט דָא פַארְלוֹירְן אוּן אֵייבִּיג קוּמְט מֶען מִיךְ פְרֶעגְן. אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן. אִיר דַארְפְט נֶעמֶען דֶער וֶועג דָא, אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, אוּן דֶער וֶועג וֶועט אַייךְ נֶעמֶען בִּיז דִי גְרוֹיסֶע בַּארְג, אִיר זֶעהְט דָארְט וַוייט אַרוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן בַּארְג?

**קַלְמִישׁ:** דִי גְרוֹיסֶע בַּארְג? יָא יָא אִיךְ זֶעה אַ בַּארְג.

**אִיד:** דֶער גְרוֹיסֶער בַּארְג הֵייסְט דִי "הַר הַבַּיִת", דָאס מֵיינְט דֶער בַּארְג פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, וַוייל דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי הוֹיכֶע הַר הַבַּיִת. אוּן דִי הַר הַבַּיִת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, וֶועגְן דֶעם וֶוען אִיר קוּמְט אָן צוּ דִי הַר הַבַּיִת, נָאךְ פַאר אִיר פַאנְגְט אָן אַרוֹיפְגֵיין, מוּזְט אִיר קוֹדֶם אוֹיסְטוּהְן אַייעֶרֶע שִׁיךְ, אוּן מַאכְן זִיכֶער אַז סַיי אִיר אוּן סַיי אַייעֶר צִיגֶעלֶע זֶענֶען שֵׁיין אוּן רֵיין.

**קַלְמִישׁ:** אַהַא, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֶ' אִיד פַארְן מִיר וַוייזְן דֶעם וֶועג.

**אִיד:** יָא, נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶער פְרֶעגְט, אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער פַאר יֶעדֶעם. הַצְלָחָה, הַצְלָחָה.

**קַלְמִישׁ:** קוּם שֵׁיינֶע צִיגֶעלֶע, לָאמִיר גֵיין וַוייטֶער.

**טַאטֶע:** וֶוען רֶ' קַלְמִישׁ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע הַר הַבַּיִת בַּארְג, הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָארְט שְׁטֵיין אַ אִיד אַ שׁוֹמֵר, אַ וַואטְשֶׁער.

**קַלְמִישׁ:** אוֹי, דֶער שׁוֹמֵר קוּקְט אוֹיס שְׁרֶעקֶעדִיג שְׁטְרֶענְג.

**טַאטֶע:** אוּן דֶער שׁוֹמֵר זָאגְט...

**שׁוֹמֵר:** אֵיין מִינוּט אֵיין מִינוּט, רֶ' אִיד, בְּלַייבְּט שְׁטֵיין! אִיר וֵויסְט וואוּ אִיר גֵייט?

**קַלְמִישׁ:** אַוַודַאי וֵוייס אִיךְ, צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, צוּ בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבַּן חַטָאת.

**שׁוֹמֵר:** יָא, דָאס וֵוייס אִיךְ, דָאס זֶעה אִיךְ! אָבֶער, אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, דָאס מוּז זַיין מִיטְ'ן גְרֶעסְטְן כָּבוֹד פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיר מִיט אַייעֶר צִיגֶעלֶע דַארְפְן זַיין רֵיין, אָן קַיין אֵיין פִּיצִי וִויצִי קִיצִי לִיצִי שְׁמוּצֶעלֶע! טוּהְט אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁיךְ!



**קַלְמִיש:** דָא הָאט אִיר מַיין שִׁיךְ.

**שׁוֹמֵר:** אַזוֹי, אָה, אִיךְ זֶעה אַז אִיר הָאט אוֹיךְ אַ בְּרַייטֶע גַארְטְל מִיט אַ בֶּערְזְל!

**קַלְמִיש:** מַיין בֶּערְזְל, מַיין גַארְטְל, אַלֶעס?

**שׁוֹמֵר:** טוּהְט אַלֶעס אוֹיס!

**קַלְמִיש:** דָא הָאט אִיר, דָא הָאט אִיר.

**שׁוֹמֵר:** אִיךְ זֶעה אוֹיךְ אַז אִיר קוּמְט פוּן אַ לַאנְגֶע וֶועג, אוּן אִיר הָאט אַ שְׁטֶעקְן וָואס הָאט אַייךְ גֶעהָאלְפְן גֵיין. זַייט מוֹחֵל, גֶעבְּט מִיר שַׁיין אַהֶער דַיין שְׁטֶעקְן.

**קַלְמִיש:** מַיין שְׁטֶעקְן אוֹיךְ?



**שׁוֹמֵר:** אַזוֹי, גֶעבְּט אַהֶער...

**קַלְמִישׁ:** דָא הָאט אִיר.

**שׁוֹמֵר:** אָה, אַלֶעס גֵייט מֶען דָא אַוֶועקְלֵייגְן. אִיר דַארְפְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ שְׁטְרֶענְגֶער וַואכְטְשֶׁער, אוּן אִיךְ גֵיי עֶס גוּט אַוֶועקְלֵייגְן אַז קֵיינֶער זָאל עֶס נִישְׁט צוּנֶעמֶען, אוּן וֶוען אִיר קוּמְט צוּרִיק אַרָאפּ, וֶועל אִיךְ אַייךְ אַלֶעס צוּרִיקְגֶעבְּן. אָה, יֶעצְט זֶענְט אִיר שֵׁיין אוּן רֵיין.

(קַלְמִישׁ הִיסְט...)

**שׁוֹמֵר:** אוֹי וַויי, קוּצִי קוּצִי קוּצִי. עֶנְדִיגְט יֶעצְט הִיסְן, וַוייל אוֹיבְן אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ טָאר מֶען נִישְׁט הִיסְן אָדֶער נִיסְן, שְׁפַּייעֶן אָדֶער שְׁרַייעֶן, מְ'דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!

**טַאטֶע:** אוּן אַזוֹי אִיז רֶ' קַלְמִישׁ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע צִיגֶעלֶע צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ. אַזוֹי וִוי רֶ' קַלְמִישׁ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ הֶערְן הֶערְלִיכֶע מוּזִיק מִיט הֶערְלִיכֶע זִינְגֶען! סְ'אִיז גֶעוֶוען דִי שֶׁענְסְטֶע מוּזִיק מִיט דִי שֶׁענְסְטֶע זִינְגֶערְס אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!

**מֵאִיר:** טַאטִי, וֶוער הָאט אַזוֹי שֵׁיין גֶעזִינְגֶען? דִי כֹּהֲנִים?

**טַאטֶע:** נֵיין, מֵאִיר. אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאבְן אוֹיךְ גֶעאַרְבֶּעט דִי הֵיילִיגֶע לְוִיִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן הֵיילִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁפִּילְן אוּן זִינְגֶען פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. זֵיי הָאבְן גֶעהַאט אַזַא מִין גְרוֹיסֶע פַייפֶער, וָואס דִי פַייפֶער הָאט גֶעהֵייסְן "מַגְרֵיפָה", וָואס מִיט אֵיין בְּלָאז הָאט דִי מַגְרֵיפָה פַייפֶער גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֶעבְּן הוּנְדֶערְט מִינֵי קוֹלוֹת אוֹיף אֵיינְמָאל אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט!

**מֵאִיר:** וַואוּ! וואוּ קֶען מֶען קוֹיפְן אַזַא מִין מַגְרֵיפָה פַייפֶער?

**טַאטֶע:** מְ'קֶען עֶס נִישְׁט קוֹיפְן, נָאר דִי הֵיילִיגֶע לְוִיִים הָאבְן עֶס גֶעהַאט. אוּן אוֹיךְ הָאבְן זֵיי גֶעהַאט דִי שֶׁענְסְטֶע פִידֶעלֶעךְ אוּן פוֹיקְן, אַלֶעס פַאר דִי כָּבוֹד פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער לְוִיִים וָואס זֵיי זֶענֶען



גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטְן, נֶעבְּן דִי אַלֶע טַאטֶע לְוִיִים, אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער לְוִיִים הָאבְּן גֶעזִינְגֶען, אִיז עֶס גֶעוֶוען נָאךְ אַסַאךְ שֶׁענֶער פוּן אַלֶע טַאטֶע לְוִיִים.

**יוֹסִי:** אוּן וֶוען הָאבְּן דִי לְוִיִים גֶעשְׁפִּילְט אוּן גֶעזִינְגֶען?

**טַאטֶע:** יֶעדְן טָאג וֶוען דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן גֶע'שָׁחְטְ'ן דִי קָרְבָּנוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע לְוִיִים זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פוּפְצְן גְרוֹיסֶע טְרֶעפּ פָּארְנְט פוּן דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, מִיט אַלֶע הוּנְדֶערְטֶער לְוִיִים אוֹיף דִי טְרֶעפּ אוֹיבְן, אוּן דִי אַלֶע קִינְדֶער לְוִיִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטְן. אוּן דִי לְוִיִים הָאבְּן יֶעדְן טָאג גֶעזִינְגֶען אַ נִיגוּן פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. זוּנְטָאג הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען דִי זוּנְטָאג נִיגוּן, מָאנְטָאג הָאבְּן דִי לְוִיִים גֶעזִינְגֶען דִי מָאנְטָאג נִיגוּן, אוּן דִינְסְטָאג דִי דִינְסְטָאג נִיגוּן, מִיטְוָואךְ...

**מֵאִיר:** דִי מִיטְוָואךְ נִיגוּן.

**טַאטֶע:** אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג...

**שַׁבְּתַי:** דִי דָאנֶערְשְׁטָאג נִיגוּן.

**טַאטֶע:** אוּן פְרֵייטָאג...

**שְׁרַגָא:** דִי פְרֵייטָאג נִיגוּן.

**טַאטֶע:** אוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ...

**שְׂרָאְלִי:** דִי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ נִיגוּן!

**טַאטֶע:** וֶוען רֶ' קַלְמִישׁ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעוֶוען זוּנְטָאג אִינְמִיטְן טָאג, אוּן דִי לְוִיִים הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן זִינְגֶען דִי זוּנְטָאג נִיגוּן!

**קַלְמִישׁ:** אַהה! דָאס אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין! אַזוֹי הֵיילִיג!

**טַאטֶע:** וֶוען דֶער הוֹיפְּט לֵוִי הָאט גֶעזֶען רֶ' קַלְמִישׁ אַרַיינְקוּמֶען, הָאט עֶר אִים שֵׁיין בַּאגְרִיסְט:

**לֵוִי:** אַ גוּטְן טָאג רֶ' אִיד! אִיךְ זֶעה אַז אִיר זֶענְט דָא גֶעקוּמֶען מִיט אַ צִיגֶעלֶע, אוּן אִיר ווִילְט בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן.



**קַלְמִישׁ:** יָא רֶ' לֵוִי, אִיךְ דַארְף בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבַּן חַטָאת. אִיר קֶענְט מִיר אֶפְשָׁר וַוייזְן וואו רֶ' אִיתָמָר הַכֹּהֵן אִיז? עֶר הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט צוּ שֶׁחְטְ'ן מַיין קָרְבָּן חַטָאת.

**לֵוִי:** אַוַודַאי וֶועט מֶען אַייךְ וַוייזְן, אָבֶּער קוֹדֶם דַארְפְן מִיר אוֹיסְוַואשְׁן אַייֶער נְשָׁמָה. אִיר מוּזְט קוֹדֶם שְׁטַארְק תְּשׁוּבָה טוּהְן פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן בֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַייךְ מוֹחֵל זַיין אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת. אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען רוּפְן דֶער כֹּהֵן זָאל שֶׁחְטְ'ן אַייעֶר צִיגֶעלֶע, דִי קָרְבַּן חַטָאת!

נוּ, לְוִיִּם, שְׁפִּילֶערְס אוּן זִינְגֶערְס, מִיט אַלֶע פִידֶעלֶעךְ, לָאמִיר אָנְפַאנְגֶען אַ וַוארֶעמֶע תְּשׁוּבָה נִיגוּן!



**טְרֶעק 9: נִיגוּן - תְּשׁוּבָה** [CD-1]

דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶער קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט,
דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַאר אוּנְז צוּגֶעשְׁטֶעלְט.
גֶעשְׁרִיבְּן דָארְט וְויאַזוֹי מְ'דַארְף זִיךְ פִירְן,
דִי עֲבֵירוֹת וָואס טָאר נִישְׁט פַּאסִירְן.

בְּטָעוּת הָאסְטוּ אַן עֲבֵירָה גֶעטוּן,
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צַעַר דֶערְפוּן.
פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע הָאסְטוּ זִיךְ גֶעלָאזְט,
אַ שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָךְ בַּאשַׁאפְן דוּ הָאסְט.

טוּה תְּשׁוּבָה מִיט טְרֶערְן,
צוּם בַּאשֶׁעפֶער טוּ זִיךְ אוּמְקֶערְן.
בֶּעט אַז עֶר זָאל דַיין תְּפִילָה צוּהֶערְן,
דוּ זָאלְסְט צוּ אִים צוּרִיק נָאנְט וֶוערְן.

יָא, אִיךְ בִּין מוֹדֶה, סְ'אִיז אַ טָעוּת גֶעשֶׁען,
אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מְצַעֵר גֶעוֶוען.
אוֹי הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֶועל עֶס מֶער נִישְׁט טָאן,
אִיךְ בֶּעט דִיךְ, מַיין תְּשׁוּבָה נֶעם אָן.

"אוֹי הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, סְ'טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן אַזַא וִויכְטִיגֶע הֲלָכָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַן עֲבֵירָה. אוֹי, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה! אִיךְ מֵיין עֶס אֶמֶתְ'דִיג! מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ!"



כְּדֵי דוּ זָאלְסְט מֶער נִישְׁט זַיין מְצַעֵר דֶעם בּוֹרֵא,
זֶעץ דִיךְ לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן דִי תּוֹרָה.
אַזוֹי וֶועסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַלֶעמָאל,
אוּן מֶער נִישְׁט פַאַרְגֶעסְן קֵיינְמָאל.

יָא, אִיךְ נֶעם זִיךְ יֶעצְט פָאר,
צוּ לֶערְנֶען, אוּן חַזֶר'ן קְלָאר.
אֵייבִּיג וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען וָואס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן דָארְט,
נִישְׁט פַאַרְגֶעסְן קַיין אֵיין וָוארְט.

דֶער כֹּהֵן קֶען יֶעצְט דַיין קָרְבָּן שֶׁחְטְ'ן,
אוּן דַיין נְשָׁמָה פַאַרֶערְכְטְן.

אוֹי הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַ זְכִיָּה פַאר מִיר,
אַז אִיךְ וֶועל צוּרִיק נָאנְט צוּ דִיר.

**טְרֶעק 10: דֶער כֹּהֵן שֶׁחְט דִי צִיגֶעלֶע** [CD-1]

**טַאטֶע:** דִי הֵיילִיגֶע לְוִיִּים זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט זֶעהְן מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז רֶ' קַלְמִישׁ הָאט שׁוֹין עֶרְלִיךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן, אוּן יֶעצְט הָאט מֶען אִים צוּגֶעפִירְט צוּם כֹּהֵן.

**כֹּהֵן:** אָהּ! אַ גוּטְן טָאג רֶ' קַלְמִישׁ!

**קַלְמִישׁ:** אַ גוּטְן טָאג רֶ' אִיתָמָר, הֵיילִיגֶער כֹּהֵן. דָא הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ שֵׁיינֶע רֵיינֶע צִיגֶעלֶע, אִינְגַאנְצְן גַאנְץ, אָן אַ פֶעלֶער, גְרֵייט אַז אִיר זָאלְט עֶס יֶעצְט שֶׁחְטְ'ן.



**כֹּהֵן:** טַאקֶע זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע אוּן רֵיינֶע צִיגֶעלֶע, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַּאר דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ. נוּ, רֶ' קַלְמִישׁ, דוּ שְׁטֵיי דָא, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּקוּקְן אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי אִיךְ שֶׁחְט עֶס. דָא הָאבּ אִיךְ מַיין גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע מֶעסֶער, דִי מֶעסֶער וָואס מֶען נוּצְט צוּ שֶׁחְטְ'ן אִיז סְפֶּעצִיעֶל אַזוֹי גֶעמַאכְט, אַז וֶוען מֶען שֶׁחְט דִי צִיגֶעלֶע, וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט וֵויי טוּהְן דִי צִיגֶעלֶע, אוּן דִי צִיגֶעלֶע וֶועט גָארְנִישְׁט שְׁפִּירְן, אַזוֹי אַז עֶס זָאל חָלִילָה נִישְׁט זַיין קַיין צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים.

קוּם שֵׁיינֶע צִיגֶעלֶע, דִיךְ וֶועט מֶען יֶעצְט שֶׁחְטְ'ן פַּאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. "בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הַשְּׁחִיטָה"!

**קַלְמִישׁ:** "אָמֵן"!

פַּיין, דִי צִיגֶעלֶע אִיז שׁוֹין גֶע'שָׁחְטְ'ן. יֶעצְט גֵייט מֶען מַקְרִיב זַיין דַיין קָרְבָּן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**קַלְמִישׁ:** "מַקְרִיב זַיין"? וָואס מֵיינְט מַקְרִיב זַיין? וָואס גֵייט מֶען יֶעצְט טוּהְן?

**כֹּהֵן:** קוּק דִיךְ צוּ, וֶועסְטוּ זֶעהְן. קוֹדֶם גֵיי אִיךְ נֶעמֶען דִי שִׁיסְל מִיט דִי הֵיילִיגֶע בְּלוּט פוּן דַיין קָרְבַּן חַטָּאת, אוּן אִיךְ וֶועל שְׁמִירְן דִי בְּלוּט מִיט מַיין פִינְגֶער אוֹיף אַלֶע פִיר עֶקְן אַרוּם דִי גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע מִזְבֵּחַ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי, אוּן אַזוֹי. אַזוֹי, אוּן אַזוֹי.

יֶעצְט, דִי אַנְדֶערֶע כֹּהֲנִים גֵייעֶן נֶעמֶען דִי גֶע'שָׁחְטְ'נֶע צִיגֶעלֶע, אוּן זַיי גֵייעֶן עֶס צוּשְׁנַיידְן אוֹיף אַסאַךְ קְלֵיינֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ, אוּן אַלֶע פֶעטֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ לֵייגְן זַיי עֶקְסְטֶער. יֶעצְט, הֵייבּ אוֹיף דַיין קָאפּ רֶ' קַלְמִישׁ, אוּן קוּק הוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ. דוּ זֶעהְסְט? אוֹיבְן אוֹיף דִי דַאךְ פוּן דִי מִזְבֵּחַ בְּרֶענְט אֵייבִּיג אַ פַייעֶר! דִי כֹּהֲנִים נֶעמֶען דִי אַלֶע פֶעטֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ, אוּן זַיי טְרָאגְן עֶס אַרוֹיף אַרוֹיף אַרוֹיף... בִּיז אוֹיבְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע מִזְבֵּחַ. אוּן דָארְט גִיסְט מֶען אָן דִי אַלֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ מִיט אַסאַךְ זַאלְץ, אוּן דִי כֹּהֲנִים וַוארְפְן אַרַיין דִי אַלֶע פֶעטֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ אִין דִי פַייעֶר, אוּן עֶס גֵייט וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט! אוּן דָאס מֵיינְט מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבַּן חַטָּאת פַּאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.



**קַלְמִישׁ:** אַהה... זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט! אָבֶער רֶ' אִיתָמָר הַכֹּהֵן, וָואס גֵייט מֶען טוּהְן מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע פְלֵייש, וָואס מְ'לֵייגְט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי פַייעֶר?

**כֹּהֵן:** אָה, דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע פְלֵייש פוּן דִי גֶע'שָׁחְטְ'נְע צִיגֶעלֶע, דַארְף מֶען גוּט אָפְּקָאכְן אָדֶער אָפְּבְּרָאטְן, אוּן מֶען דַארְף עֶס גְלַייךְ אוֹיפְעֶסְן. אָבֶער נָאר אַ כֹּהֵן גֵייט מֶעגְן עֶסְן דִי פְלֵייש, וַוייל דִי פְלֵייש פוּן דִי קָרְבַּן חַטָאת אִיז יֶעצְט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע פְלֵייש. אוּן וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי הֵיילִיגֶע פְלֵייש פוּן דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דִי כֹּהֲנִים גֵייעֶן עֶס דָא דַארְפְן אוֹיפְעֶסְן.



**קַלְמִישׁ:** וַואוּ! קוּק וִוי שְׁנֶעל דִי כֹּהֲנִים אַרְבֶּעטְן! אִין אֵיין מִינוּט הָאבְּן זַיי שׁוֹין צוּשְׁנִיטְן דִי פְלֵייש, צוּטֵיילְט אַלֶע פֶּעטֶע שְׁטִיקֶעלֶעךְ, אוּן אַרוֹיפְגֶעטְרָאגְן אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ, בַּאזַאלְצְן אוּן פַארְבְּרֶענְט, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע הֵיילִיגֶע פְלֵייש בַּאקְט זִיךְ אוּן בְּרָאט זִיךְ גְרֵייט צוּ עֶסְן. אַזוֹי שְׁנֶעל!

**כֹּהֵן:** יָא רֶ' קַלְמִישׁ, דִי כֹּהֲנִים וָואס טוּהְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁנֶעל אוּן גֶעשִׁיקְט.

**קַלְמִישׁ:** אִיךְ זֶעה, אִיךְ זֶעה, אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דָאס, וַואוּ!

**כֹּהֵן:** אוּן יֶעצְט רֶ' קַלְמִישׁ, אִיז אַייעֶר קָרְבַּן חַטָאת פַארְטִיג, אוּן אִיר קֶענְט שׁוֹין אַהֵיים גֵיין.

**קַלְמִישׁ:** אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֶ' אִיתָמָר הַכֹּהֵן, אַ גוּטְן טָאג.

**כֹּהֵן:** אַ גוּטְן טָאג רֶ' קַלְמִישׁ.



**טאטע:** אויפְ'ן וועג אַרויס, איז ר' קַלְמִיש נָאכְאַמָאל אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע לְוִיִים, און דער הויפּט לֵוִי האט גֶעזָאגְט:

**לֵוִי:** הייליגע לְוִיִים! אונְזֶער ר' קַלְמִיש האט שוין תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן! און עֶר הָאט שוין אויך גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבַּן חַטָאת! יֶעצְט פַאר עֶר גֵייט אַהֵיים, לָאמִיר אִים מַאכְן פְּרֵיילִיךְ. ווייל תְּשׁוּבָה איז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, און ווען אֵיינֶער טוּט עֶרְלִיךְ תְּשׁוּבָה הָאט דער הייליגער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטַארְק הֲנָאָה. נוּ, לְוִיִים, אֵיינְס, צְוֵויי, דְרֵיי, פִידֶעלֶעךְ, הַייבְּטְס אָן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּן!

**טְרֶעק 11: נִיגוּן - גֶעבְּט אַרַיין אַ נֶחָמָה'לֶע** [CD-1]

גֶעבְּט אַרַיין אַ נֶחָמָה'לֶע אִין אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה'לֶע,
גֶעבְּט אַרַיין אַ חַיוּת אִין אַ אִיד.

דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אַצִינְד,
און אויסְגֶעמֶעקְט דַיינֶע זִינְד,
דַיין נְשָׁמָה איז גֶעוָוארְן רֵיין.

דַיין קָרְבָּן איז אַרויף,
טַאנְץ בְּשִׂמְחָה הֵייבּ דִיךְ אויף,
אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק טוּסְטוּ יֶעצְט זַיין.

גֶעבְּט אַרַיין אַ חַיוּת אִין אַ אִיד.

**טאטע:** און ר' קַלְמִיש איז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען פְּרֵיילִיךְ.

**שַׁבְּתִי:** אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ טַאטִי פַאר די הֶערְלִיכֶע אִינְטֶערְסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה!



### טְרֶעק 12: קָרְבָּנוֹת לְכָבוֹד סוּכּוֹת [CD-1]

**שַׁבְּתַי:** אוּן וִוי אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן דִי צְוֵויי קָרְבָּנוֹת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט בְּרֶענְגֶען וֶוען זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עוֹלֶה רֶגֶל זַיין?

**טַאטֶע:** אֵיין קָרְבָּן הָאט גֶעהֵייסְן אַ "קָרְבַּן עוֹלָה", אוּן דִי צְוֵוייטֶע קָרְבָּן הָאט גֶעהֵייסְן אַ "קָרְבַּן שְׁלָמִים". דִי קָרְבַּן עוֹלָה הָאט דֶער כֹּהֵן אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. אוּן דִי קָרְבַּן שְׁלָמִים הָאט מֶען גֶענוּמֶען דִי פְלֵייש אוּן מֶען הָאט עֶס אַהֵיימְגֶעטְרָאגְן אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן מֶען הָאט עֶס אָפְּגֶעקָאכְט אָדֶער אָפְּגֶעבְּרָאטְן אוֹיף דִי בֶּעסְטֶע וֶועג, אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעהַאט פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע פְלֵייש לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

**מֵאִיר:** אָבֶער וִויאַזוֹי הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶעקֶענְט אַלֶעס מַקְרִיב זַיין אַזוֹי שְׁנֶעל? וִוי אַזוֹי אִיז עֶס מֶעגְלִיךְ??

**טַאטֶע:** פַאר דִי כֹּהֲנִים אִיז עֶס גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ, זַיי הָאבְּן גֶעקֶענְט אַרְבֵּייטְן זֵייעֶר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁנֶעל!

**שְׁלוֹמִי:** אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי בַּיי רֶ' קַלְמִיש?

**טַאטֶע:** יָא! יוֹם טוֹב הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶעאַרְבֶּעט נָאךְ אַסַאךְ שְׁנֶעלֶער! אוּן נִישְׁט נָאר אֵיין כֹּהֵן הָאט גֶע'שָׁחְט'ן, נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶע'שׁוּרָה'ט טוֹיזֶענְטֶער טוֹיזֶענְטֶער כֹּהֲנִים, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶע'שָׁחְט'ן דִי קָרְבָּנוֹת פַאר דִי אַלֶע טוֹיזֶענְטֶער מִילְיָאנֶען בִּילְיָאנֶען אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען.

**שְׁרַגָא:** אוּן וִויפִיל אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינְמָאל אִין יְרוּשָׁלַיִם?

**טַאטֶע:** זֵייעֶר אַסַאךְ. עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ אַז אִין דִי צַייטְן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם 9 טְרִילְיָאן, 555 בִּילְיָאן, 148 מִילְיָאן, אוּן 800 טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן! אוּן פַאר דִי מִצְוָה פוּן "עוֹלֶה רֶגֶל" זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען נָאךְ אַסַאךְ מֶער מֶענְטְשְׁן אִין דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם.

**שַׁבְּתַי:** הֶע? 9 טְרִילְיָאן, 555 בִּילְיָאן, 148 מִילְיָאן, אוּן 800 טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן? וַואוּ!!!



**שְׂרָאְלִי:** אֵיין מִינוּט, אִיךְ ווִיל עֶפֶּעס פַארְשְׁטֵיין, ווִיאַזוֹי הָאבְּן דִי אַלֶע טְרִילְיָאן בִּילְיָאן מִילְיָאן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן מִיט אַלֶע כֹּהֲנִים גֶעהַאט פְּלַאץ אִין דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ?! ווִי אַזוֹי אִיז עֶס אֲפִילוּ מֶעגְלִיךְ??

**טַאטֶע:** שְׂרָאְלִי, אִין דִי הוֹיז פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעדַאוָוענְט אוּן זַיי הָאבְּן גֶעזָאגְט 'הַשֵּׁם', וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער'ס נָאמֶען, הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אִידְן אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוּן גֶעבּוּקְט, אוּן וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף אֵיינְמָאל דַארְף מֶען הָאבְּן נָאךְ מֶער פְּלַאץ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע רִיזִיגֶע נֵס, פְּלוּצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארְן רִיזִיג בְּרֵייט פְּלַאץ פוּן אַלֶע זַייטְן! אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער, אַלֶע מִילְיָאנֶען טְרִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ רוּאִיג גֶעקֶענְט אַרָאפְּבַּייגְן אוּן זִיךְ בּוּקְן פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

**שְׂרָאְלִי:** וַואוּ! אַזַא גְרוֹיסֶע נֵס!

**טְרֶעק 13: שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ** [CD-1]

**טַאטֶע:** אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַ גַאנְצֶע טָאג, בִּיז ס'אִיז גֶעוָוארְן בַּיינַאכְט, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער, אַלֶע טְרִילְיָאנֶען אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ טַאנְצְן "שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה" פְרֵיילִיכֶערְהַייט!

**שַׁבְּתִי:** וָואס מֵיינְט "שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה"?

**טַאטֶע:** "שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה" מֵיינְט, דִי מִצְוָה פוּן אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דִי ווַאסֶער מִיט אַ גְרוֹיסֶע פְרֵיילִיכְקַייט. אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע טַייךְ ווַאסֶער, וָואס הֵייסְט "טַייךְ שִׁילוֹחַ" אוּן פוּן דִי טַייךְ שִׁילוֹחַ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהֵייסְן אַז דִי כֹּהֲנִים זָאלְן אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דִי ווַאסֶער, אוּן עֶס אַרֵיינְגִיסְן אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קְלֵיינֶע לָאךְ וָואס ס'אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ. אוּן כְּדֵי צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן אַרוֹיסְשֶׁעפְּן דִי ווַאסֶער אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעטוּהְן אַלֶע מִינֵי פְרֵיילִיכֶע זַאכְן.



**שַׁבְּתִי :** אַלֶע מִינֵי פְרֵיילִיכֶע זַאכְן? לְמָשָׁל וָואס? וָואס הָאבְּן דִי אִידְן גֶעטוּהְן צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי מִצְוָה פוּן שֶׁעפְּן דִי וַואסֶער?

**טַאטֶע:** אָה... פַאר דִי מִצְוָה פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צוּגְרֵייטְן נָאךְ אַסַאךְ צַייט פַאר סוּכּוֹת! ס'זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַ גַאנְצֶע גְרוּפֶּע בָּחוּרִים כֹּהֲנִים, זַיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּלֵיידִיגְן דִי גַאנְצֶע הוֹיף אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ, אוּן דִי בָּחוּרִים כֹּהֲנִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט רִיזִיגֶע הוֹיכֶע לַייכְטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען צֶען שְׁטָאק הוֹיךְ! אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע בִּילְדִינְג! נָאכְדֶעם זֶענֶען דִי בָּחוּרִים כֹּהֲנִים גֶעגַאנְגֶען אוּן זַיי הָאבְּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלְטֶע קְלֵיידֶער פוּן דִי בֵּית הַמִקְדָּשׁ וָואס מֶען הָאט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט נוּצְן, אוּן זַיי הָאבְּן פוּן דֶעם גֶעמַאכְט דִיקֶע בְּרַייטֶע קְנוֹיטְן, אוּן זַיי הָאבְּן עֶס אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט אַסַאךְ אוֹיל, אַזוֹי אַז ס'זָאל גוּט בְּרֶענֶען. וֶוען ס'אִיז גֶעקוּמֶען דִי נַאכְט פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, זֶענֶען דִי בָּחוּרִים אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵייטְן אוֹיף דִי אַקְסְל, הֶעכֶער הֶעכֶער הֶעכֶער הֶעכֶער הֶעכֶער, בִּיז דִי קְנוֹיטְן, אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶעצִינְדְן דִי קְנוֹיטְן מִיט אַ פַייעֶר, אוּן דִי פַייעֶר הָאט גֶעבְּרֶענְט אוּן גֶעמַאכְט אַזוֹי לִיכְטִיג אַז גַאנְץ יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג אַזוֹי וִוי אִינְמִיטְן טָאג!

**קִינְדֶער:** וַואוּ!

**טַאטֶע:** אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַלֶע טוֹיזֶענְטֶער לְוִיִּם מִיט זֵייעֶרֶע פַייפֶערְס אוּן טְרָאמְפֵּייטֶערְס מִיט אַלֶע פִידֶעלֶעךְ, אַלֶע טַאטֶע לְוִיִּם הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פוּפְצְן גְרוֹיסֶע טְרֶעפּ, אַלֶע קִינְדֶער לְוִיִּם הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פוּן אוּנְטְן. ס'אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ! אַלֶע שְׁפִּילֶערְס אוּן זִינְגֶערְס הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרַייט אָנְצוּפַאנְגֶען צוּ זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן דִי שֶׁענְסְטֶע מוּזִיק אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! אוּן פָארְנְט פוּן דִי אַלֶע בִּילְיָאנֶען טְרִילְיָאנֶען אִידְן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען טַאנְצְן אַלֶע גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן צַדִיקִים, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן צַדִיקִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַלֶע סָארְט אִינְטֶערֶסַאנְטֶע קוּנְצְן, מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מַאכְן יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ.

**שְׁרַגָא:** וַואוּ! קוּק דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא דֶער צַדִיק ר' שִׁמְעוֹן בֶּן גַמְלִיאֵל, עֶר מַאכְט אִינְטֶערֶסַאנְטֶע קוּנְצְן, עֶר הָאט 8 פַאקְלֶעךְ, שְׁטֶעקֶענֶעס מִיט פַייעֶר, אוּן עֶר



וַוארְפְט אַלֶע אַכְט הויךְ אִין דִי לוּפְט אוּן קַיין אֵיינְס פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ! נִיטְאַמָאל רִירְן זַיי זִיךְ אָן!

**יוֹסִי:** וַואוּ! קוּק דָארְט! אֵיינֶער אַ צַדִיק הָאט אַכְט בֶּעכֶערְס אָנְגֶעפוּלְט מִיט וַויין בִּיז אוֹיבְן, אוּן עֶר וַוארְפְט עֶס אִין דִי לוּפְט אוּן נָאכְדֶעם כַאפְּט עֶר עֶס צוּרִיק, אוּן גָארְנִישְׁט גִיסְט זִיךְ אוֹיס!

**קִינְדֶער:** וַואוּ!

**שַׁבְּתַי:** אוּן דָארְט טַאנְצְט נָאךְ אַ צַדִיק אוּן עֶר דְזְשָׁאגֶעלְט מִיט גְרוֹיסֶע מֶעסֶערְס, אַזַא קוּנְץ!



**שְׂרַגָא:** קוּק, אַ צַדִיק דְזְשָׁאגֶעלְט מִיט רוֹיעֶ אֵייעֶר, אוּן קֵיין אֵיינְס פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ!

**יוֹסִי:** סְ'אִיז אַזוֹי אִינְטֶערְסַאנְט, אוּן יֶעדֶער וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ!

**טַאטֶע:** אוּן זַיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן, אֵיינְס צְווֵיי דְרַיי...

טְרֶעק 14: נִיגוּנִים - וְשָׂמַחְתָּ 1, 2, 3, וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן [CD-1]

**וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ**
**וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה**

## לייג אריין [CD-2]

טְרֶעק 1: דִי אִידְן שֶׁעפְּן וַואסֶער [CD-2]

**טַאטֶע:** אוּן אַזוֹי אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען דִי טַאנְצְן פוּן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה אַ גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן צוּפְרִי, אוּן דִי הִינְדֶעלֶעךְ הָאבְּן שׁוֹין גֶעקְרַייט 'קוּקוּרִיקוּ' אַז דִי זוּן גֵייט שׁוֹין אוֹיפְשַׁיינֶען, זֶענֶען דִי כֹּהֲנִים גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי טַייךְ שִׁילוֹחַ, אוּן דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן גֶענוּמֶען הֶערְלִיכֶע גָאלְדֶענֶע קְרִיגֶעלֶעךְ, אוּן מִיט דֶעם הָאבְּן זַיי אַרוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט פְרִישֶׁע קַאלְטֶע וַואסֶער, אוּן מִיט דִי וַואסֶער זֶענֶען זַיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אוּן זַיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּ דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. יֶעצְט הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶענוּמֶען דִי וַואסֶער אוּן זַיי הָאבְּן עֶס אַרַיינְגֶעגָאסְן אִין דִי הֵיילִיגֶע כֵּלִים פוּן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דִי כֵּלִים הָאבְּן גֶעהֵייסְן "כְּלֵי שָׁרֵת", אוּן יֶעצְט אִיז דִי וַואסֶער גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע וַואסֶער. אוּן אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען דִי "קָרְבַּן תָּמִיד", הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע וַואסֶער אוּן זַיי הָאבְּן עֶס אַרַיינְגֶעגָאסְן אִין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קְלֵיינֶע לָאךְ אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ. אוּן וֶוען סְ'אִיז גֶעוָוארְן בַּייַנאכְט, הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט



דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, נָאכְאַמָאל אִיז מֶען אוֹיפְגֶעוֶועןאַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעטַאנְצְן שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אוּן צוּפְרִי זֶענֶען דִי כֹּהֲנִים נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי טַייךְ שִׁילוֹחַ אַרוֹיסְשֶׁעפְּן וַואסֶער.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן גֶעטוּהְן יֶעדֶע נַאכְט חוֹל הַמוֹעֵד. דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְנוּמֶען צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן, אַז זֵיי הָאבְּן קוֹים גֶעהַאט צַייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, אוּן וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיעֶד, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעלֶעהְנְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע אִידְ'ס אַקְסֶל אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גְעכַאפְּט אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע דְרִימֶעלֶע...

**קִינְדֶער:** וַואוּ!



# יום טוב סוכות

**טַאטֶע:** יָא, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן דִי גְרוֹיסֶע "שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה" אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ, הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזֶען אַן עֶכְטֶע הֵיילִיגֶע שִׂמְחָה! אוּן כְּדֵי דָאס צוּ גֶעדֶענְקֶען פִירְן מִיר זִיךְ צוּ גֵיין חוֹל הַמוֹעֵד בַּיינַאכְט אִין שׁוּהל טַאנְצְן "שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה". אָבֶער, דָאס וָואס מִיר טַאנְצְן אִין שׁוּהל, קוּמְט אֲפִילוּ נִישְׁט צוּ, צוּ דִי עֶכְטֶע גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע שִׂמְחָה וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אִין דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ!

**שְׂרָאלִי:** טַאטִי, וֶוען וֶועלְן מִיר שׁוֹין אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין עוֹלֶה רֶגֶל זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ? אִיךְ מוּז דָאס מִיטְהַאלְטְן אוּן זֶעהְן!





# יום טוב סוכות

**טַאטֶע:** אוֹי! קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אִין גָלוּת, מִיר דַארְפְן וַוארְטְן אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי הֵיילִיגֶע בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועלְן מִיר נָאכְאַמָאל קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן "עוֹלֶה רֶגֶל" אוּן עֶס זֶעהְן אַלֵיין מִיט דִי אַייגֶענֶע אוֹיגְן!

**שְׂרָאְלִי:** טַאטִי, לָאמִיר בֶּעטְן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען! אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן!!

### טְרֶעק 2: נִיגוּנִים - אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ, אוֹי וְקָרֵב [CD-2]

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ, גַּלֵּה כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ עָלֵינוּ מְהֵרָה, וְהוֹפַע וְהִנָּשֵׂא עָלֵינוּ לְעֵינֵי כָּל חָי, וְקָרֵב פְּזוּרֵינוּ מִבֵּין הַגּוֹיִם וּנְפוּצוֹתֵינוּ כַּנֵּס מִיַּרְכְּתֵי אָרֶץ.

אָבִינוּ, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר
גְרוֹיסֶער קֶענִיג, מִיר בֶּעטְן זֵייעֶר
דַיין שְׁטַארְקֵייט אוּן מַאכְט
דַיין כָּבוֹד אוּן פְּרַאכְט
דַיינֶע נִסִים, אוּן דַיינֶע ווּאוּנְדֶער
וַוייז שׁוֹין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער

אוֹי! לֵייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס
נֶעם אוּנְז אַרוֹיס
פוּן דֶעם גָלוּת דֶעם שְׁוֶוערְן
דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, דַיין הֵיילִיג הוֹיז
זָאל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט וֶוערְן

דִי כֹּהֲנִים וֶועלְן מַקְרִיב זַיין פַאר דִיר
אוּן דִי לְוִיִים מִיט דִי כְּלֵי שִׁיר
אוֹי ווִי הֶערְלִיךְ עֶס וֶועט דֶעמָאלְט זַיין
דִינֶען דִיךְ אַלֵיין

דִי כֹּהֲנִים וֶועלְן מַקְרִיב זַיין פַאר דִיר
אוּן דִי לְוִיִים מִיט דִי כְּלֵי שִׁיר
אוֹי ווִי הֶערְלִיךְ עֶס וֶועט דֶעמָאלְטְס זַיין
בִּמְהֵרָה אָמֵן

אוֹי וְקָרֵב פְּזוּרֵינוּ מִבֵּין הַגּוֹיִם,
וּנְפוּצוֹתֵינוּ כַּנֵּס מִיַּרְכְּתֵי אָרֶץ



# יום טוב סוכות

## טְרֶעק 3: מִצְוָה שָׁאקְלְן לוּלָב [CD-2]

**טַאטֶע:** און יֶעצְט טַייֶערֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין נָאךְ דִי סְעוּדָה. יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר זֵייעֶר וואוֹיל, מְ'אִיז זֵייעֶר שֵׁיין גֶעזִיצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, און מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט וֶועגְן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן עוֹלֶה רֶגֶל זַיין, מִיר הָאבְּן אַזוֹי שֵׁיין גֶעזוּנְגֶען זְמִירוֹת. און יֶעצְט קִינְדֶערְלֶעךְ, דַארְף מֶען זִיךְ צוּאֵיילְן און גֵיין שׁוֹין שְׁלָאפְן, וַוייל מָארְגְן צוּפְרִי דַארְפְן מִיר טוּהְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע און הֵיילִיגֶע מִצְוָה. וֶוער וֵוייסְט וֶועלְכֶע מִצְוָה?

**מֵאִיר:** אָהָ! מְ'גֵייט שָׁאקְלֶען לוּלָב מִיט אַ אֶתְרוֹג אִין דִי סוּכָּה!

**טַאטֶע:** יָא, דוּ וֵוייסְט גוּט! דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן קוֹים קֶענֶען וַוארְטְן בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן צוּפְרִי, וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען לוּלָב מִיט אַ אֶתְרוֹג. יֶעצְט קִינְדֶערְלֶעךְ, גֵייטְס שֵׁיין לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, און גֵייטְס שֵׁיין אַרַיין אִין בֶּעט. אַ גוּטֶע נַאכְט.

**קִינְדֶער:** אַ גוּטֶע נַאכְט.



# יום טוב סוכות



**מֵאִיר:** אַ גוּט מָארְגְן יָאסִי! סְ'אִיז שׁוֹין צוּפְרִי, דִי זוּן שַׁיינְט שׁוֹין!

**יוֹסִי:** אַ גוּט מָארְגְן מֵאִיר. "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ סֶלָה". קוּם, לָאמִיר שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֵיין צוּ אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע סוּכָּה שָׁאקְלֶען לוּלָב.

**קִינְדֶער:** אָה טַאטִי, אַ גוּט מָארְגְן, אַ גוּט יוֹם טוֹב!

**טַאטֶע:** אָה, אַ גוּט מָארְגְן אַ גוּט יוֹם טוֹב, טַייעֶרע קִינְדֶערְלֶעךְ! נוּ, עֶנְק זֶענֶען פֵּיין גֶעשְׁלָאפְן? יָא... אֱמֶת?

**מֵאִיר:** אֶה הֶא. אָבֶער טַאטִי, וֶוען אוּנְז גֵייעֶן שׁוֹין זַיין גְרוֹיס, גֵייעֶן אוּנְז אוֹיךְ שְׁלָאפְן אִין דִי סוּכָּה אַזוֹי וִוי אַלֶע טַאטֶעס!

**טַאטֶע:** אַוַודַאי מֵאִיר, שְׁלָאפְן אִין דִי סוּכָּה אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. אָקֶעי, דָא אִיז גְרֵייט דִי פִיר מִינִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן נֶעמֶען אוּן אַרוּמְבִּינְדְן אוּן שָׁאקְלֶען מִיט זַיי, דִי הֵיילִיגֶע לוּלָב מִיט דִי הֶערְלִיכֶע אֶתְרוֹג, אוּן דוּ זֶעהְסְט? אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּן דִי לוּלָב לִיגְט צוּזַאמְגֶעבּוּנְדְן דְרַיי הֲדַסִים שְׁטֶעקֶעלֶעךְ פוּל מִיט קְלֵיינֶע בְּלֶעטֶעלֶעךְ, אוּן אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט לוּלָב לִיגְט צוּזַאמְגֶעבּוּנְדְן צְוֵויי עֲרָבוֹת שְׁטֶעקֶעלֶעךְ, אוֹיךְ פוּל מִיט קְלֵיינֶע בְּלֶעטֶעלֶעךְ, אוּן אַלֶעס צוּזַאמֶען לִיגְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוּן אַרוּמְגֶעבּוּנְדְן אִין אַ שֵׁיינֶע הַאלְטֶער וָואס הֵייסְט אַ קוֹישֶׁעלֶע.

**שַׁבְּתַי:** שֵׁיין! אִיךְ זֶעה אַז דִי קוֹישֶׁעלֶע אִיז אוֹיךְ גֶעמַאכְט פוּן אַסַאךְ לַאנְגֶע לוּלָב בְּלֶעטֶעלֶעךְ, שֵׁיין צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן!

**שְׂרָאלִי:** טַאקֶע, סְ'אִיז הֶערְלִיךְ!!

**טַאטֶע:** עֶנְק וֵוייסְן פַארְוָואס סְ'אִיז אַזוֹי שֵׁיין?



# יום טוב סוכות

**מֵאִיר:** וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז דִי "אַרְבָּעָה מִינִים", דִי פִיר מִינִים פוּן פְרוּכְט אוּן בְּלֶעטֶער, וָואס דָאס אִיז דִי לוּלָב, דִי אֶתְרוֹג, דִי הֲדַסִים אוּן דִי עֲרָבוֹת, דַארְפְן זַיין שֵׁיין.

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט! דִי אֶתְרוֹג מוּז טַאקֶע זַיין שֵׁיין גֶעל אָדֶער גְרִין. ס'טָאר נִישְׁט הָאבְּן אַ לָאךְ, אָדֶער אַ גְרִיבֶּעלֶע, אָדֶער צוּ אַ גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע פְלֶעק. אוֹיךְ קֶען מֶען קוֹיפְן נָאךְ אַ שֶׁענֶערֶע אֶתְרוֹג וָואס הָאט אַ פִּיטוּם, אַזַא קְלֵיינֶע בְּרוֹינֶע צְוַוייגֶעלֶע אוֹיף דִי שְׁפִּיץ פוּן דִי אֶתְרוֹג, אָבֶּער אוֹיבּ פַאלְט דִי פִּיטוּם אַרָאפּ, אָדֶער אוֹיבּ דִי פִּיטוּם צוּבְּרֶעכְט זִיךְ, וֶוערְט דִי אֶתְרוֹג פָּסוּל.

**מֵאִיר:** אוּן מְ'קֶען מֶער נִישְׁט נוּצְן דִי אֶתְרוֹג.

**טַאטֶע:** וֶועגְן דֶעם דַארְפְן אַלֶע קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוּן חָלִילָה נִישְׁט אָנְרִירְן דִי טֵייעֶרֶע לוּלָב אָדֶער אֶתְרוֹג אָן רְשׁוּת פוּן אַ טַאטֶע אָדֶער אַ מַאמֶע.

**שְׂרָאֶלִי:** אִיךְ גֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין טָאטְשְׁן טַאטִי'ס לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר זֵייעֶר גוּט שְׂרָאֶלִי, וַוייל דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ ווּאוֹילֶע אִינְגֶעלֶע! אוּן יֶעצְט קִינְדֶערְלֶעךְ גֶעבְּט אַ קוּק אוֹיף דִי הֲדַסִים אוּן דִי עֲרָבוֹת, עֶס דַארְפְן זַיין שֵׁיין פְרִישׁ אוּן פוּל מִיט בְּלֶעטֶעלֶעךְ. אוּן יֶעצְט קֶענְסְטוּ שׁוֹין שָׁאקְלֶען לוּלָב. קוּם, כַאפּ אָן דִי לוּלָב אִין דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוּן דִי אֶתְרוֹג אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט, אָבֶּער בִּיז נָאךְ דִי בְּרָכָה דַארְף מֶען הַאלְטְן דִי אֶתְרוֹג אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט מִיט דִי שֵׁיינֶע פִּיטוּם אוֹיף אַרָאפּ. וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַאכְן דִי בְּרָכָה, פַאר דוּ גֵייסְט עֶס שׁוֹין שָׁאקְלֶען, וֶועסְטוּ צוּרִיק דְרֵייעֶן דִי אֶתְרוֹג מִיט דִי פִּיטוּם אוֹיף אַרוֹיף. גְרֵייט?

**מֵאִיר:** יָא.

**טַאטֶע:** דָא הָאסְטוּ, אַזוֹי.

**מֵאִיר:** אָקֶעי, דִי אֶתְרוֹג דְרֵייט מֶען אִיבֶּער אוֹיף אַרָאפּ, אָקֶעי גְרֵייט!

**טַאטֶע:** פֵיין. יֶעצְט קוּק אַרַיין אִין דִי מַחְזוֹר, אוּן זָאג שֵׁיין דִי בְּרָכָה.

**מֵאִיר:** בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל נְטִילַת לוּלָב! – "אָמֵן"!



**טאַטע:** דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג סוּכּוֹת, מַאכְן מִיר נָאךְ אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן "שֶׁהֶחֱיָינוּ", צוּ דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז מִיר הָאבְּן דֶערְלֶעבְּט אַ גַאנְצֶע יָאר בִּיז ס'אִיז נָאכְאַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. קוּק אַרַיין אוּן זָאג שַׁיין.

**מֵאִיר:** בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה! – "אָמֵן"!

**טאַטע:** דְרֵיי צוּרִיק דִי אֶתְרוֹג אוֹיף אַרוֹיף, אַזוֹי. יֶעצְט דְרֵיי אוֹיס דַיין הֶענְט צוּ דִי רֶעכְטֶע זַייט פוּן דִי וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז "דָרוֹם", אוּן שָׁאקְל צוּזַאמֶען בֵּיידֶע הֶענְט, שָׁאקְל שָׁאקְל! יֶעצְט דְרֵיי זִיךְ אוֹיס צוּ דִי לִינְקֶע זַייט פוּן דִי וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז "צָפוֹן", שָׁאקְל שָׁאקְל! יֶעצְט דְרֵיי זִיךְ פָארְנְט, וָואס דָאס אִיז "מִזְרָח", שָׁאקְל שָׁאקְל! יֶעצְט הֵייבּ אוֹיף דַיין הֶענְט הוֹיךְ אוֹיף אַרוֹיף צוּם הִימְל, וָואס דָאס אִיז "מַעְלָה", אַרוֹיף, שָׁאקְל שָׁאקְל! יֶעצְט בֵּייג זִיךְ אַרָאפּ אַבִּיסֶעלֶע צוּ דֶער עֶרְד, וָואס דָאס אִיז "מַטָה", אַרָאפּ, שָׁאקְל שָׁאקְל



שָׁאקְל! אוּן צוּם לֶעצְט דְרֵיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוּם אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט, וָואס דָאס הֵייסְט "מַעֲרָב", שָׁאקְל שָׁאקְל שָׁאקְל! אַזוֹי! יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעשָׁאקֶעלְט צוּ אַלֶע זֶעקְס זַייטְן, אוּן דוּ הָאסְט עֶרְלִיךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען אוּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן שָׁאקְלֶען מִיט דִי אַרְבָּעָה מִינִים!

**מֵאִיר:** אוּן יֶעצְט וִויל אִיךְ שׁוֹין גֵיין דַאוְוענֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּהל, אוּן זִינְגֶען הַלֵּל, אוּן זֶעהְן וִוי אַלֶע טַאטֶעס הַאלְטְן אִין זֵייעֶר הֶענְט אַ לוּלָב מִיט אַ אֶתְרוֹג. אוּן מֶען בֶּעט הוֹיךְ "הוֹשַׁעְנָא", אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אוּן גֶעבְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

**חַזָן:** הוֹשַׁעְנָא לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ הוֹשַׁעְנָא... הוֹשַׁעְנָא לְמַעַנְךָ בּוֹרְאֵנוּ הוֹשַׁעְנָא...

**טַאטֶע:** אוּן אַזוֹי טוּהְן מִיר יֶעדְן טָאג סוּכּוֹת צוּפְרִי בַּיים דַאוְוענֶען.



טְרֶעק 4: מִצְוָה וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ - לֶערְנֶען [CD-2]

**טאטֶע:** יֶעצְט אִיז שוֹין אַדוּרְךְ דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי טֶעג יוֹם טוֹב, אוּן מִיר הָאלְטְן שוֹין בַּיי דִי גֶעשְׁמַאקֶע פִיר טֶעג וָואס הֵייסְן...

**קִינְדֶער:** חוֹל הַמוֹעֵד!!!

**טאטֶע:** אוּן קִינְדֶער, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ", דָאס מֵיינְט מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן אִין דֶעם יוֹם טוֹב. וֶועגְן דֶעם פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַן עֶקְסְטֶערֶע הֲנָאָה מֶער פוּן אַ גַאנְצֶע יָאר. מֶען גֵייט צוּזַאמֶען שְׁפִּילְן, פַארְבְּרֶענְגֶען, מְ'גֵייט צוּ אַ פַּארְק, אָדֶער אַ זוּ, מְ'גֵייט בַּאזוּכְן מִשְׁפָּחָה. אָבֶער חוֹל הַמוֹעֵד, אֲפִילוּ אַ אִינְגֶעלֶע גֵייט נָאךְ נִישְׁט אִין שוּהל, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאוֶוענֶען עֶרְלִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעמְס דַאוֶוענֶען! אוּן אוֹיב דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַהֵיים עִבְרִי צֶעטֶעלֶעךְ, אָדֶער מִשְׁנַיוֹת חֲזָרָה, דַארְף מֶען עֶס יֶעדְן טָאג שֵׁיין אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן, ווייל דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל אַז מִיר זָאלְן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ מְ'אִיז נִישְׁט אִין חֵדֶר. אוּן וֶוען אַ אִידִישׁ אִינְגֶל לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט עֶרְלִיךְ, הָאט אוֹיךְ זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה הֲנָאָה, אוּן מִיט דֶעם אִיז מֶען אוֹיךְ מְקַיֵים דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ".

**שְׂרָאְלִי:** אִיךְ גֵיי קוֹדֶם דַאוֶוענֶען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן מִיר פָארְן!

**טאטֶע:** אָט אַזוֹי שְׂרָאְלִי, אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף אַן עֶרְלִיךְ אִידִישׁ אִינְגֶל! אוּן גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, גֵייעֶן מִיר בְּעֶזְר הַשֵּׁם פָארְן צוּ זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע אוּן אֵיידֶעלֶע פַּארְק.

**קִינְדֶער:** יֶעָה!!

**קִינְד:** טַאטֶע, מַיין רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע אִינְגֶל, גֵייט נָאר פַארְבְּרֶענְגֶען צוּ אֵיידֶעלֶע פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל גוֹיִם.



**טאַטע:** גֶערֶעכְט. אוּן וֶוען מְ'גֵייט פַארְבְּרֶענְגֶען חוֹל הַמוֹעֵד, דַארְף אַן עֶרְלִיךְ אִידִישׁ קִינְד אוֹיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגֶעלֶעךְ, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר אֵיידְל אוּן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי וֶועלְן דִי אַלֶע אַרְבֵּייטֶערְ'ס אִין דִי פַּארְק זֶעהְן אַז דָא אִיז גֶעקוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע ווּאוֹילֶע אִינְגֶל וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַ גַאנְצֶע יָאר, אוּן עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נָאר וְויאַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הֵייסְט. אוּן מִיט אַזַא גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג מַאכְט מֶען אַ רִיזִיגֶע קִידוּשׁ הַשֵׁם, דָאס מֵיינְט, מֶען הֵיילִיגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶערְ'ס נָאמֶען. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק הֲנָאָה פוּן אַזֶעלְכֶע ווּאוֹילֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר בַּאצָאלְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע שְׂכַר פַאר דִי אַלֶע ווּאוֹילֶע אִינְגֶעלֶעךְ אוּן מֵיידֶעלֶעךְ וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף צְנִיעוּת'דִיג אוּן אֵיידְל.



**טְרֶעק 5: מִצְוָה וְשִׂמְחַת בְּחַגֶּךָ - אִין פַּארְק** [CD-2]

**שְׁרַגָא:** טַאטִי, אוּנְז הָאמִיר שׁוֹין עֶרְלִיךְ גֶעדַאוָּוענְט, אוּן אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶע'חֲזֶר'ט אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן.

**מֶעכִי:** טַאטִי, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶע'חֲזֶר'ט מֵיין עִבְרִי צֶעטְל, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֵיין!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט, קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק הֲנָאָה דָאס צוּ הֶערְן. נוּ, קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענְט עֶטְס גְרֵייט צוּ פָארְן צוּ דִי פַּארְק?

**קִינְדֶער:** יָא!

**שְׁרַגָא:** טַאטִי, אִיךְ זָאג צוּ, אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר וואוֹיל אוּן אֵיידְל וֶוען מְ'גֵייט אִין דִי פַּארְק.

**אֶפְרַיִם:** אוֹיךְ אִיךְ גֵיי זַיין זֵייעֶר וואוֹיל, אִיךְ גֵיי קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אָדֶער זִיךְ אַרֵיינְכַאפְּן.

**שַׁבְּתִי:** אוֹיךְ אִיךְ וֶועל זַיין זֵייעֶר וואוֹיל, אִיךְ וֶועל גָארְנִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן קֵיין שְׁמוּץ אוֹיף דִי פְלָאר, נָאר אַלֶעס לֵייגְן שֵׁיין אִין גַארְבִּיטְשׁ!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דָאס צוּ הֶערְן. אָקֶעי, יֶעדֶער זֶעצְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי קַאר, מְ'מַאכְט צוּ דִי סִיעֶט בֶּעלְטְס, אוּן...

**קִינְדֶער:** גֶעפָארְן! יֶעה!!!

**קִינְדֶער:** אִיךְ גֵיי גֵיין אוֹיף אַ מֶעכְטִיגֶע רָאוּלֶערְקָאוּסְטֶער... אוּן אִיךְ גֵיי דְרֵייוְון בָּאמְפִּינְג קַארְס... אִיךְ גֵיי שְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי דְזְשָׁאמְפִּינְג בַּאלָאן! אוּן אִיךְ גֵיי גֵיין אוֹיף דִי רֵייד וָואס דְרֵייט זִיךְ אוּן מֶען פְלִיעט...

**טַאטֶע:** אָקֶעי קִינְדֶערְלֶעךְ, דָא זֶענֶען מִיר.

**שְׂרָאְלִי:** וַואוּ! סְ'אִיז דָא מִילְיָאנֶען קַארְס! קוּק מֵאִיר, סְ'אִיז גֶעפַּאקְט מִיט אִידְן!

**מֵאִיר:** אַוַודַאי, וָואס הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט.



# יוֹם טוֹב סוּכּוֹת

**טַאטֶע:** אָקֶעי קִינְדֶערְלֶעךְ, יֶעדֶער קוּמְט שֵׁיין אַרוֹיס פוּן דִי קַאר. אוּן קִינְדֶערְלֶעךְ גֶעדֶענְקְטְס, דִי פַּארְק אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, חָלִילָה נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן אַלֵיינְס, וַוייל מְ'קֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל פַארְלִירְן חַס וְשָׁלוֹם! יֶעדֶער זָאל קוּמֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, אוּן מִיר וֶועלְן בְּעֶזְר הַשֵּׁם כִּמְעַט אִיבֶּעְרָאל אָנְקוּמֶען. אוּן וָואס נִישְׁט, וֶועלְן מִיר גֵיין בְּעֶזְר הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע חוֹל הַמוֹעֵד.

**קִינְדֶער:** אָקֶעי.

**טַאטֶע:** לָאמִיר גֵיין צוּ דִי בּוּדְקֶעלֶע בַּאצָאלְן גֶעלְט.

**קִינְדֶער:** אָהּ! טַאטִי קוֹיפְט אוּנְז טִיקֶעטְס!

**טַאטִי:** אוּן יֶעצְט קֶען מֶען אַרַיינְגֵיין! קוֹדֶם גֵייעֶן מִיר גֵיין דָא גְלַייךְ בַּיי דִי גְרוֹיסֶע רֵייד, עֶטְס זֶעהְטְס דִי אַלֶע דְרֵייעֶדִיגֶע קַארֶעלֶעךְ, שְׁטֶעלְטְס עֶנְק דָא אִין דִי לֵיין, אוּן וַוארְטְס מִיט גֶעדוּלְד!

**יוֹסִי:** דִי לְבָנָה רֵייד! וַואוּ! קוּק וִוי דָאס פְלִיעט! סְ'אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג!

**שַׁבְּתִי:** עֶה! שְׁרֶעקֶעדִיג? אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מוֹרָא! אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא, בֶּעט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סְ'וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן!

**מֶעכִי:** אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי רֵייד...

**שְׁרָאלִי:** אָה, דִי רֵייד סְטַאפְּט שׁוֹין, יֶעדֶער קוּמְט אַרָאפּ, אוּן אוּנְז גֵייעֶן אַרוֹיף. גֶעגַאנְגֶען...

**מֵאִיר:** הֶע? אִיךְ זֶעה גוּט?

**קִינְדֶער:** מִיסְטֶער חַאצְקְל!

**מֵאִיר:** מִיסְטֶער חַאצְקְל אִיז דָא! עֶר פִירְט אָן מִיט דִי רֵיידְס! אָקֶעי, אִיךְ זֶעה שׁוֹין, הַיינְט גֵייט זַיין פָאן...

**חַאצְקְל:** נֶעקְסְט פְּלִיז. אָה, אִינְגֶעלֶע שְׁטַיי דָא נֶעבְן דִי שְׁטֶעקְן, אִיךְ מוּז מַאכְן זִיכֶער אַז דוּ בִּיסְט גֶענוּג הוֹיךְ צוּ גֵיין אוֹיף דֶער רֵייד. נִישְׁט צוּ נִידֶערִיג אוּן נִישְׁט צוּ הוֹיךְ, אָה, פֶּערְפֶעקְט!

**יוֹסִי:** יֶעה!

**חַאצְקְל:** נֶעקְסְט!





מֵאִיר: מִיסְטֶער חַאצְקְל, פְּלִיז מֶעסְט מִיךְ אָפּ, קֶען אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶער רֵייד?

חַאצְקְל: שְׁטֵיי דָא. אָקֶעי.

מֵאִיר: ס'גוּט?

חַאצְקְל: פֶּערְפֶּעקְט!

מֵאִיר: יֶעה!

חַאצְקְל: נֶעקְסְט.. הֶעי הֶעי!

שְׁרַגָא: אָקֶעי, אִיךְ?

חַאצְקְל: דוּ בִּיסְט כִּמְעַט... אָקֶעי.

שְׁרַגָא: יָא גוּט?

חַאצְקְל: אָה יָא, דוּ קֶענְסְט גֵיין.

שְׁרַגָא: נָאךְ אַ מַזְל, כְ'הָאבּ שׁוֹין שִׁיעוּר גֶעמֵיינְט אַז עֶר גֵייט מִיר נִשְׁט אַרֵיינְלָאזְן, ווייל דִי זוּמֶער בִּין אִיךְ גֶעוואַקְסְן זֵייעֶר הוֹיךְ...

חַאצְקְל: נֶעקְסְט!

מֶעכִי: מִיסְטֶער חַאצְקְל! מִיסְטֶער חַאצְקְל!

חַאצְקְל: יָא יָא אִינְגֶעלֶע?

מֶעכִי: פְּלִיז מֶעסְט מִיךְ אָפּ.

חַאצְקְל: אָקֶעי, שְׁטֵיי דָא בֵּיי דֶער שְׁטֶעקְן לָאמִיר זֶעהְן ווִי הוֹיךְ דוּ בִּיסְט.

מֶעכִי: קֶען אִיךְ גֵיין אוֹיף דֶעי רֵייד?

חַאצְקְל: אָה אָה, נאָפּס... ! דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גֶענוּג הוֹיךְ פַאר דֶער רֵייד, דֶער רֵייד טָאמֶער אִיז מֶען צוּ נִידְרִיג אִיז עֶס נָאךְ אַ סַכָּנָה, דוּ קֶענְסְט גֵיין אוֹיף אַנְדֶערֶע רֵיידְס.

מֶעכִי: אָקֶעי!



חַאצְקֶל: וֵוייסְטוּ וָואס? קוּם צוּרִיק נֶעקְסְטֶע יָאר, אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין הֶעכֶער, אִינְגֶעלֶע, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען גֵיין אוֹיף דֶער רֵייד אוֹיךְ, אָקֶעי?

מֶעכִי: אָקֶעי, אִיךְ גֵיי גֵיין נֶעקְסְטֶע יָאר, אִיךְ גֵיי גָארְנִישְׁט וֵויינֶען, נֶעקְסְטֶע יָאר גֵיי אִיךְ זַיין גְרוֹיס!

חַאצְקֶל: זֵייעֶר זִיס...

שַׁבְּתִי: אָהָ, לָאמִיר זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן אַלֶע דְרַיי אִין אֵיין קַארֶעלֶע, הוֹי גֵייט זַיין פָּאן!

חַאצְקֶל: נָא גֶעגַאנְגֶען!

קִינְדֶער: אִיךְ נֶעם דִי עֶק, אִיךְ נֶעם דִי אַנְדֶערֶע עֶק, אוּן אִיךְ בַּאקוּם דִי מִיטְן!

חַאצְקֶל: אָקֶעי אַלֶע קִינְדֶער, הֶערְט מִיךְ גוּט צוּ, יֶעדֶער מוּז זַיין אַיינְגֶעבּוּנְדְן מִיט דִי בֶּעלְט, אוּן קֵיינֶער טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ גַאנְצֶע צַייט, בִּיז וִוילַאנְג אִיךְ זָאג! זֶענְט עֶטְס גְרֵייט?

קִינְדֶער: יָא!

חַאצְקֶל: אִיךְ הֶער נִישְׁט. זֶענְט עֶטְס גְרֵייט?

קִינְדֶער: יָא!!

חַאצְקֶל: הֶעכֶער! זֶענְט עֶטְס גְרֵיייייייט?

קִינְדֶער: יָאאאאאאאאאאאאאאאא!

חַאצְקֶל: אָקֶעי אָקֶעי אָקֶעי... גֶעגַאנְגֶען! אָקֶעי כַאפְּטְס עֶנְק גוּט אָן, וַוייל בַּאלְד גֵייעֶן עֶנְק זִיךְ טְרֶעפְן אוֹיף דִי לְבָנָה! הֶע הֶע...

קִינְדֶער: יוֹשׁ.. ס'דְרֵייט זִיךְ.... יָא, אָבֶער אַזוֹי שְׁטַייט? וַוארְט נָאר צוּ, בַּאלְד גֵייט עֶס אָנְהֵייבְּן צוּ פְלִיעֶן...

חַאצְקֶל: עֶנְק וִוילְן שְׁנֶעלֶער?

קִינְדֶער: יָא! שְׁנֶעלֶער!!

חַאצְקֶל: אָקֶעי, כַאפְּטְס עֶנְק גוּט אָן!

קִינְדֶער: אִיךְ מֵיין אַז סְ'פָארְט שׁוֹין שְׁנֶעלֶער... שְׁנֶעלֶער!!! שְׁנֶעלֶער!!!

חַאצְקֶל: נָאךְ שְׁנֶעלֶער?



קִינְדֶער: יָא!!! שְׁנֶעלֶער!!!!! סְ'פְּלִיעֶט!!!!

חַאצְקְל: נָאךְ שְׁנֶעלֶער?!

קִינְדֶער: יָא!!!! - - - נֵיין!!

חַאצְקְל: יָא אָדֶער נֵיין?

קִינְדֶער: יָא!!! - - - נֵיין....

חַאצְקְל: נֵיין? נֵיין? - יָא? - שְׁנֶעלֶער? - שְׁטַייטֶער? נָא?

קִינְדֶער: יוֹי, דוּ זָאגְסְט נֵיין, דוּ הָאסְט עֶכְט מוֹרָא? עֶה?! סְ'אִיז נָאר אַ דְזְשָׁאק...

חַאצְקְל: הַא הַא הַא... קִינְדֶער, שְׁנֶעלֶער?!

קִינְדֶער: כַאפּ אָן דַיין קַאפְּל, דִי רֵייד פְּלִיעֶט! - יוֹי, סְ'הָאט גֶעמַאכְט אַ שָׁארְט סְטַאפּ!

חַאצְקְל: הֶע הֶע הֶע קִינְדֶער, נָאךְ?! הֶע הֶע הֶע...

קִינְדֶער: יָא!!! נֵיין.... יוֹש.... סְ'פַאנְגְט זִיךְ אָן צוּ דְרֵייעֶן צוּרִיק צוּ וֶועגְס.... אִיךְ וֶוער דִיזִי...

חַאצְקְל: קִינְדֶער, שְׁנֶעלֶער?



קִינְדֶער: יָא!!! נֵיין....

חַאצְקְל: עֶנְק ווילְן נָאכְאַמָאל זֶעהְן די לְבָנָה?!

קִינְדֶער: יָא!!!

חַאצְקְל: אָקֶעי, כַאפְּטְס עֶנְק גוּט אָן, סְ'גֵייט פְּלִיעֶן!!!

קִינְדֶער: שְׁנֶעלֶער!!! שְׁנֶעלֶער!!! שְׁנֶעלֶער!!! - הֶעכֶער!!! הֶעכֶער!!! הֶעכֶער!!!

חַאצְקְל: סְ'פְּלִיעֶט!!!... נָא, וָואסְפַארַא קָאלִיר הָאט דִי לְבָנָה?...

שְׁלוֹמִי: בְּלָא... יוֹי, אִיךְ זֶעה עֶכְט דִי לְבָנָה!!! יוֹי, סְ'וֶוערְט שוֹין בֵּיינַאכְט!!!

חַאצְקְל: אָקֶעי קִינְדֶער, יֶעדֶער וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דִי רֵייד שְׁטֶעלְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ, קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַּאר אִיךְ הֵייס... אָקֶעי.... רֶעדִי! יֶעצְט זָאל יֶעדֶער אוֹיפְמַאכְן דִי סִיט בֶּעלְט, אוּן שְׁטַייטֶעלֶעךְ אַרוֹיסְגֵיין בַּיי דִי זַייט וָואס סְ'שְׁטֵייט דִי עֶקְזִיט סַיין!

שְׂרָאְלִי: אַה! טַאטִי! אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען אוֹיף דִי לְבָנָה!

טַאטֶע: דִי לְבָנָה?!

שְׂרָאְלִי: אִיךְ וֵייס נִישְׁט, אַזוֹי הָאט דִי מֶענְטְשׁ פוּן דִי רֵייד גֶעזָאגְט...

קִינְדֶער: אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ טַאטִי!

שְׂרָאְלִי: אוּנְז הָאמִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט!

טַאטֶע: זֵייעֶר גוּט! אוּן עֶנְק הָאבְּן אוֹיךְ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ". אָבֶּער קִינְדֶערְלֶעךְ, גֶעדֶענְקְטְס אַז נִישְׁט יֶעדְן טָאג גֵייט מֶען פָּארְן צוּ אַ פַּארְק אָדֶער גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן, מֶען דַארְף אֵייבִּיג גֶעדֶענְקְן צוּ פָאלְגְן וָואס טַאטִי אָדֶער מַאמִי הֵייסְן טוּהְן, אוּן אוֹיבּ טַאטִי אָדֶער מַאמִי זָאגְט אַז הַיינְט אִיז צוּ קַאלְט, אָדֶער אַז הַיינְט בְּלַייבְּט מֶען אִינְדֶערְהֵיים, דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", דָאס מֵיינְט, מְכַבֵּד זַיין אוּן פָּאלְגְן דַיין טַאטֶע מִיט דַיין מַאמֶע.



**טְרֶעק 6: הוֹשַׁעְנָא רַבָּה** [CD-2]

**טַאטֶע:** און אַזוֹי מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מִצְוֹת זֶענֶען מִיר שׁוֹין גְרֵייט צוּ זַייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, וָואס קוּמְט גְלַייךְ נָאךְ חוֹל הַמוֹעֵד, און דִי הֵיילִיגֶע טָאג הֵייסְט "הוֹשַׁעְנָא רַבָּה". דָאס אִיז דֶער טָאג וָואס מִיר נֶעמֶען דִי לוּלָב און אֶתְרוֹג אִין דִי הַאנְט און מֶען שְׁרַייט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער "הוֹשַׁעְנָא", דָאס מֵיינְט, הֶעלְף אוּנְז!

**מֵאִיר:** אָבֶער טַאטִי, פַארְוָואס? וָואס גֵייט פָאר, אַז מְ'בֶעט "אַזוֹי" שְׁטַארְק?

**טַאטֶע:** וָואס עֶס גֵייט פָאר? אִיךְ וֶועל עֶנְק זָאגְן! עֶנְק גֶעדֶענְקֶען אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַאר יֶעדֶע אִיד אָנְגֶעשְׁרִיבְּן וָואס סְ'זָאל צוּ אִים גֶעשֶׁען אַ גַאנְצֶע יָאר?

**מֵאִיר:** אַוַודַאי! מִיר הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶעבֶּעטְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אוּנְז אַרַיינְשְׁרֵייבְּן אִין זַיין גָאלְדֶענֶע בּוּךְ!

**טַאטֶע:** טַאקֶע. און וָואס הָאט מֶען גֶעטוּהְן יוֹם כִּיפּוּר?

**שַׁבְּתִי:** יוֹם כִּיפּוּר, הָאבְּן מִיר אַלֶע גֶעפַאסְט, און שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת און שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, און צוּגֶעזָאגְט צוּ זַיין אֵייבִּיג זֵייעֶר וואוֹיל!

**טַאטֶע:** אַה, דוּ גֶעדֶענְקְסְט זֵייעֶר גוּט! יֶעדֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ זַיין זֵייעֶר וואוֹיל, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת. און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל טַאקֶע זֶעהְן, אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער טַאקֶע אַזוֹי וואוֹיל וִוי זַיי הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט? און אוֹיבּ יֶעדֶער אֵיינֶער פָאלְגְט טַאקֶע נָאר דִי יֵצֶר טוֹב, און חָלִילָה נִישְׁט דִי יֵצֶר הָרָע. און יֶעצְט קוּמְט דֶער טָאג "הוֹשַׁעְנָא רַבָּה" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעמְט דִי צֶעטֶעלֶעךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַאר יֶעדְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אִיבֶּער דִי צֶעטֶעלֶעךְ פַאר אַ מַלְאָךְ, און דֶער מַלְאָךְ וֶועט טוּהְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם צֶעטְל!



**מֵאִיר:** אוּן אוֹיבּ חָלִילָה שְׁטֵייט אוֹיף דִי צֶעטְל נִישְׁט אַזַא גוּטֶע זַאךְ?

**טַאטֶע:** וֶועט דֶער מַלְאָךְ חָלִילָה טוּהְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף זַיין צֶעטְל!

**מֵאִיר:** יוֹא!

**טַאטֶע:** וֶועגְן דֶעם, גֶעבְּט אוּנְז טַאקֶע אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶער גְרוֹיסֶער טָאג וָואס הֵייסְט "הוֹשַׁעְנָא רַבָּה", אוּן אַלֶע טַאטֶעס גֵייעֶן אִין שׁוּהל בַּיינַאכְט אוֹיסְזָאגְן תְּהִילִים, אוּן צוּפְרִי בֶּעט מֶען אַלֶע הוֹשַׁעְנוֹת! אַז אוֹיבּ חָלִילָה שְׁטֵייט אוֹיף אַ צֶעטְל נִישְׁט אַזַא גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁנֶעל טוֹישְׁן אוּן אִיבֶּערְשְׁרֵייבְּן פַּאר אַ גוּטֶע צֶעטְל, נָאךְ פַּאר דֶער מַלְאָךְ בַּאקוּמְט עֶס!

**מֵאִיר:** נָאךְ אַ מַזָל!

**טְרֶעק 7: שְׁמִינִי עֲצֶרֶת - גֶשֶׁם** [CD-2]

**שַׁבְּתַי:** טַאטִי, וָואס קוּמְט נָאךְ הוֹשַׁעְנָא רַבָּה?

**טַאטֶע:** אָה, נָאךְ הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, אִיז מֶער נִישְׁט סוּכּוֹת! אוּן מְ'דַארְף מֶער נִישְׁט זִיצְן אִין דִי סוּכָּה. נָאךְ הוֹשַׁעְנָא רַבָּה קוּמְט אַ נֵייעֶ יוֹם טוֹב וָואס הֵייסְט "שְׁמִינִי עֲצֶרֶת", דָאס מֵיינְט דִי אַכְטֶע טָאג פוּן דֶעם יוֹם טוֹב. אוּן אוֹיךְ שְׁמִינִי עֲצֶרֶת בֶּעטְן מִיר אַן עֶקְסְטֶערֶע תְּפִילָה פַאר דִי וִוינְטֶער, אוּן דָאס אִיז דִי תְּפִילָה פוּן "גֶשֶׁם", מֶען בֶּעט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז דִי רֶעגְן אוּן דִי שְׁנֵיי זָאלְן נָאר בְּרֶענְגֶען פַּאר אוּנְז גוּטֶע זַאכְן, אוּן יֶעדֶער זָאל בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**מֵאִיר:** אוּן וֶוען מֶען דַאוֶונְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, זָאגְן מִיר מֶער נִישְׁט "מוֹרִיד הַטָּל", אַזוֹי וִוי מְ'זָאגְט וֶוען סְ'אִיז זוּמֶער, נָאר שְׁמִינִי עֲצֶרֶת פַאנְגְט מֶען אָן צוּ זָאגְן "מַשִּׁיב הָרוּחַ וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם", דָאס מֵיינְט מִיר דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם קַאלְטְן וִוינְט אוּן עֶר מַאכְט אַז עֶס זָאל רֶעגֶענֶען אוּן שְׁנֵייעֶן, וָואס פוּן דִי אַלֶע רֶעגְן גֵייט נֶעקְסְטֶע יָאר זוּמֶער אַרוֹיסְוַואקְסְן שֵׁיינֶע בֵּיימֶער!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט מֵאִיר! אוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת נָאכְמִיטָאג גֵייט מֶען נָאךְ אֵיין מָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען.



**קִינְד:** און מְ'קוּשְׁט אַלֶע פִּיר וֶוענְט פוּן דִי סוּכָּה, און מְ'בֶּעט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְן מִיר שׁוֹין זִיצְן אִין דִי סוּכָּה צוּזַאמֶען מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ!

**טְרֶעק 8: שִׂמְחַת תּוֹרָה** [CD-2]

**טַאטֶע:** און נָאךְ שְׁמִינִי עֲצֶרֶת קוּמְט עֶפֶּעס זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב! וֶוער וֵוייסְט?

**קִינְדֶער:** אַהַ! שִׂמְחַת תּוֹרָה! מְ'טַאנְצְט און מְ'פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! מְ'וַוארְפְט קֶענְדִיס! ס'לֶעבֶּעדִיג! יֶעדֶער הָאט לִיב שִׂמְחַת תּוֹרָה!

**קִינְד:** טַאטִי, פַארְוָואס פְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק שִׂמְחַת תּוֹרָה?

**טַאטֶע:** מְ'פְרֵיידְט זִיךְ אַז מְ'הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און מְ'הֵייבְּט עֶס נָאכְאַמָאל אָן פוּן "בְּרֵאשִׁית".

**מֵאִיר:** טַאטֶע, יֶעדֶע שַׁבָּת לֵיינְט מֶען אִין דִי תּוֹרָה דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ, און שִׂמְחַת תּוֹרָה לֵיינְט מֶען דִי לֶעצְטֶע סֶדְרָה "וְזֹאת הַבְּרָכָה".

**שַׁבְּתַי:** און גְלַייךְ נָאכְדֶעם פַאנְגְט מֶען אָן דִי עֶרְשְׁטֶע סֶדְרָה "בְּרֵאשִׁית".

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט קִינְדֶער! וֶוער קֶען אוֹיסֶעוֶוענִיג אַלֶע סִדְרוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה?

**קִינְד:** אִיךְ!!!!!!

**טַאטֶע:** לָאמִיר הֶערְן!

**טְרֶעק 9: נִיגוּן - סֶדְרָה נִיגוּן** [CD-2]

**בְּרֵאשִׁית, נֹחַ, לֶךְ לְךָ, וַיֵּרָא, חַיֵּי שָׂרָה, תּוֹלְדוֹת, וַיֵּצֵא, וַיִּשְׁלַח, וַיֵּשֶׁב, מִקֵּץ, וַיִּגַּשׁ, וַיְחִי**
דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן סֵפֶר בְּרֵאשִׁית

**שְׁמוֹת, וָאֵרָא, בֹּא, בְּשַׁלַּח, יִתְרוֹ, מִשְׁפָּטִים, תְּרוּמָה, תְּצַוֶּה, כִּי תִשָּׂא, וַיַּקְהֵל, פְּקוּדֵי**
דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן סֵפֶר שְׁמוֹת



**וַיִּקְרָא, צַו, שְׁמִינִי, תַזְרִיעַ, מְצוֹרָע, אַחֲרֵי, קְדוֹשִׁים, אֱמוֹר, בְּהַר, בְּחֻקּוֹתַי**

דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן סֵפֶר וַיִּקְרָא

**בַּמִּדְבָּר, נָשֹׂא, בְּהַעֲלוֹתְךָ, שְׁלַח, קֹרַח, חֻקַּת, בָּלָק, פִּינְחָס, מַטּוֹת, מַסְעֵי**

דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן סֵפֶר בַּמִּדְבָּר

**דְבָרִים, וָאֶתְחַנַּן, עֵקֶב, רְאֵה, שׁוֹפְטִים, כִּי תֵצֵא, כִּי תָבֹא, נִצָּבִים, וַיֵּלֶךְ, הַאֲזִינוּ, וְזֹאת הַבְּרָכָה**

דָאס זֶענֶען דִי נֶעמֶען פוּן סֵפֶר דְבָרִים

**טְרֶעק 10: דִי הֵיילִיגֶע הַקָּפוֹת** [CD-2]

**טאטֶע:** אוּן יֶעצְט טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר הָאלְטְן שׁוֹין בַּיי דִי "הֵיילִיגֶע הַקָּפוֹת". עֶנְק זֶעהְן? דֶער גַּבַּאי פוּן דִי שׁוּהל נֶעמְט אַרוֹיס אַלֶע בֶּענְקְלֶעךְ פוּן אִינְמִיטְן דִי שׁוּהל, אוּן אַלֶע טִישְׁן לֵייגְט עֶר אִין דִי זַייט, צוּ מַאכְן פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ קֶענֶען טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**מֶעכִי:** אִיךְ הָאב אַ קְלֵיינֶע קִינְדֶער תּוֹרָה!

**טאטֶע:** זֵייעֶר גוּט מֶעכִי, אוּן דוּ גֵייסְט מִיט דֶעם טַאנְצְן.

**מֶעכִי:** אִיךְ הָאב אוֹיךְ אַ הֶערְלִיכֶע פָאן, אִיךְ הָאב אַלֵיין עֶס גֶעמַאכְט אִין חֵדֶר...

**טאטֶע:** זֵייעֶר שֵׁיין.

**גַּבַּאי:** רִיקְטְס אַוֶועק דִי בֶּענְק פוּן דָא, מַאכְטְס פְּלַאץ, דָא גֵייט מֶען טַאנְצְן. קִינְדֶער, רִיקְטְס עֶנְק אַוֶועק, דִי אִינְגֶעלַייט גֵייעְן שְׁטֵיין דָא, דִי קִינְדֶער שְׁטֵייעֶן דָארְט. דֶעם טִישׁ רִיק אַוֶועק, דֶעם בַּאנְק רִיק אוֹיף דֶער זַייט. שְׁטַיי נִישְׁט דָא... רִיק דִיךְ אַוֶועק... שְׁשְׁשְׁ! ר' חַיִּים בֶּערְקָאוִויטְשׁ אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָּפָה... ר' זֶעלִיג פָּארְקָאשׁ אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָּפָה... נוּ, קוּם אַרוֹיף, זֶעלִיג!

**מֵאִיר:** טַאטִי, וָואס מֵיינְט מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָּפָה?

**טאטֶע:** מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָּפָה מֵיינְט, אַז דֶער גַּבַּאי נֶעמְט אַרוֹיס אַלֶע סֵפֶר תּוֹרָה'ס פוּן דִי אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ, אוּן בַּיי יֶעדֶע הַקָּפָה אִיז דֶער גַּבַּאי מְכַבֵּד אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן טַאנְצְן מִיט דִי סֵפֶר תּוֹרָה.

**מֵאִיר:** וִויפִיל הַקָּפוֹת גֵייט מֶען טַאנְצְן?



**טַאטֶע:** מֶען גֵייט טַאנְצְן זִיבְּן הַקָפוֹת, אַקֶעגְן דִי זִיבְּן הֵיילִיגֶע אוּשְׁפִּיזִין, אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף אוּן דָוִד. אַה, מְ'גֵייט שׁוֹין אָנְפַאנְגֶען צוּ טַאנְצְן דִי עֶרְשְׁטֶע הַקָפָה! קוּמְטְס קִינְדֶערְלֶעךְ, לָאמִיר מִיטְטַאנְצְן אוּן זִיךְ מִיטְפְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**גַבַּאי:** יֶעצְט גֵייטֶער אוּנְז טַאנְצְן - **הַקָפָה א'!** נִיגוּן...

**אִיד:** צֹאן קָדָשִׁים!!!

**קִינְדֶער:** מֶעֶהֶההה!!! (קֶענְדִיס!)

**גַבַּאי:** רֶ' יוּדְל לִיבֶּער אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. רֶ' יַעֲקֹב נָאטֶעוִויטְשׁ אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. נוּ, רֶ' יַאנְקְל, קוּמְטְס אַרוֹיף! - **הַקָפָה ב'!** נִיגוּן...

**גַבַּאי:** רֶ' חֲנַנְיָה אוּנְסְדָארְפֶער אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. רֶ' חַיִים גְרִין אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. - רֶ' חֲנַנְיָה, רֶ' חַיִים, קוּמְטְס אַרוֹיף, נֶעמְטְס אַ סֵפֶר תּוֹרָה! - **הַקָפָה ג'!** נִיגוּן...

**גַבַּאי:** רֶ' מֹשֶׁה לִיבֶּערְמַאן אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. רֶ' יָאסְל שְׁרֵייבֶּער אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. נוּ, רֶ' יָאסְל! - **הַקָפָה ד'!** נִיגוּן...

**גַבַּאי:** רֶ' אֱלִימֶלֶךְ לָאנְדָא אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. רֶ' זוּשָׁא מֶענְדְלָאוִויטְשׁ אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. נוּ, רֶ' אֱלִימֶלֶךְ! - **הַקָפָה ה'!** נִיגוּן...

**גַבַּאי:** רֶ' אַבְרָהָם מֶערְמֶעלְשְׁטֵיין אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. רֶ' נַפְתָּלִי בְּרוֹין אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. - **הַקָפָה ו'!** נִיגוּן...

**אִיד:** צֹאן קָדָשִׁים!!!

**קִינְדֶער:** מֶעֶהֶההה!!! (קֶענְדִיס!)

**גַבַּאי:** רֶ' מֶענְדְל וֵוייְנְגַארְטְן אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. רֶ' שְׁמוּאֵל גָאלְד אִיז מְכוּבָּד מִיט אַ הַקָפָה. נוּ, רֶ' מֶענְדְל, רֶ' שְׁמוּאֵל, קוּמְטְס אַרוֹיף! - **הַקָפָה ז'!** נִיגוּן...

**טַאטֶע:** אוּן יֶעצְט גֵייט יֶעדֶער אֵיינֶער עוֹלֶה זַיין, אַלֶע טַאטֶעס, אַלֶע בָּחוּרִים מִיט אַלֶע אִינְגֶעלֶעךְ!



**שְׁרַגָא:** טַאטִי, וֶועלְכֶע סֶדְרָה גֵייט מֶען לֵיינֶען?

**טַאטֶע:** דִי לֶעצְטֶע סֶדְרָה "וְזֹאת הַבְּרָכָה", אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם פַאנְגֶען מִיר שׁוֹין אָן נָאכְאַמָאל פוּן "בְּרֵאשִׁית", צוּ וַוייזְן אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְפְן מִיר אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אָה, דֶער גַבַּאי אוּן דֶער בַּעַל קוֹרֵא זֶענֶען גְרֵייט, מְ'גֵייט שׁוֹין לֵיינֶען...

טְרֶעק 11: **עוֹלֶה זַיין** [CD-2]

**גַבַּאי:** אָקֶעי קִינְדֶער, וֶוער סְ'אִיז שׁוֹין גֶענוּג גְרוֹיס אוּן עֶר קֶען שׁוֹין אַלֵיין עוֹלֶה זַיין, קוּמְטְס אַהֶער דָא, מַאכְטְס אַ לֵיין, שְׁטֶעלְט עֶנְק שֵׁיין אוֹיס, אֵיינֶער אוּנְטֶערְן אַנְדֶערְן, אַזוֹי, אָקֶעי, דוּ שְׁטַיי דָא. אִינְגֶעלֶע, דוּ שְׁטַיי אִין בֶּעק פוּן אִים. קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט שְׁטוּפְּן! יֶעדֶער וֶועט עוֹלֶה זַיין! טוּה אָן דִי טַלִית, אַזוֹי, אוֹיף דַיין קָאפּ, אַזוֹי, קוּק אַרַיין אִין דִי סֵפֶר תּוֹרָה.



# יום טוב סוכות

"יַעֲמוֹד הַבָּחוּר שְׁרַגָא בֶּן ר' חַיִים בֶּן צִיּוֹן הַכֹּהֵן, מִי שֶׁבֵּרַךְ אֶת הָאָבוֹת הוּא יְבָרֵךְ אֶת הַבָּנִים, וְנֹאמַר אָמֵן".

**שְׁרַגָא:** "בָּרְכוּ אֶת הַשֵּׁם הַמְבוֹרָךְ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד. - בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ, בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם נוֹתֵן הַתּוֹרָה". - "אָמֵן".

**בַּעַל קוֹרֵא:** "וְזֹאת הַבְּרָכָה.... וְעֵזֶר מִצָּרָיו תִּהְיֶה".

**שְׁרַגָא:** "בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת, וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ, בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם נוֹתֵן הַתּוֹרָה". - "אָמֵן".

**טְרֶעק 12: כָּל הַנְּעָרִים** [CD-2]

**גַבַּאי:** אָקֶעי, יֶעצְט אַלֶע קְלֵיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נָאכְנִישְׁט קֵיין עִבְרִי, אוּן קֶענֶען נָאכְנִישְׁט אַלֵיינְס זָאגְן בָּרְכוּ, זָאלְן יֶעצְט דָא אַהֶער קוּמֶען, אוּן אוּנְז גֵייעֶן מַאכְן "כָּל הַנְּעָרִים!". אַלֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קוּמְטְס שֵׁיין מִיט עֶנְקֶערֶע טַאטֶעס, אוּנְז גֵייעֶן אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אַ גְרוֹיסֶע טַלִית הֶעכֶער יֶעדְנְס קָאפּ אוּן אַלֶע זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ קוּמֶען שֵׁיין אַרַיין אוּנְטֶער דִי טַלִית, אוּן עֶנְק גֵייעֶן שֵׁיין מִיטְזָאגְן מִיט עֶנְקֶער טַאטֶע, אוּן וֶוער עֶס וֶועט שֵׁיין זָאגְן וֶועט בַּאלְד קוּמֶען צוּ פְּלִיעֶן קֶענְדִיס!

**קִינְדֶער:** יֶעהּ!!

**גַבַּאי:** נוּ פַאנְגְטְס שֵׁיין אָן צוּזַאמֶען, אֵיינְס, צְוֵויי דְרַיי...

**קִינְדֶער:** "בָּרְכוּ אֶת הַשֵּׁם הַמְבוֹרָךְ. בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַמְבוֹרָךְ לְעוֹלָם וָעֶד. - בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ, בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם נוֹתֵן הַתּוֹרָה".- "אָמֵן".

**בַּעַל קוֹרֵא:** "וּלְיוֹסֵף אָמַר.... וְהֵם אַלְפֵי מְנַשֶּׁה".

**קִינְדֶער:** "בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם, אֲשֶׁר נָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת, וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ, בָּרוּךְ אַתָּה הַשֵּׁם נוֹתֵן הַתּוֹרָה".- "אָמֵן".



**קִינְדֶער:** "הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל אוֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבוֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרוֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ".

**גַבַּאי:** זֵייעֶר שֵׁיין, יֶעצְט גֵייט מֶען וַוארְפְן אַסַאךְ קֶענְדִיס!!

**קִינְדֶער:** קֶענְדִיס!!!

**שְׁלוֹמִי:** טַאטִי,

**טַאטֶע:** יָא, שְׁלוֹמִי?

**שְׁלוֹמִי:** אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ גַאנְצֶע בֶּעג מִיט קֶענְדִיס..

**טַאטֶע:** וַואוּ!

**שְׁלוֹמִי:** אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז סְ'אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ עֶסְן אַזוֹי סַאךְ קֶענְדִיס, אוּן סְ'קֶען מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע בָּאבָּא, וֶועגְן דֶעם גֵיי אִיךְ עֶסְן נָאר אַפָּאר קֶענְדִיס, אוּן אַלֶע אִיבְּרִיגֶע קֶענְדִיס גֵיי אִיךְ דִיךְ גֶעבְּן אוּן דוּ גֵייסְט עֶס אַוֶועקְלֵייגְן. אָקֶעי טַאטִי?

**טַאטֶע:** אָקֶעי, גֶערֶעכְט. דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶע אִינְגֶעל שְׁלוֹמִי, זִיךְ אָפְּהִיטְן צוּ זַיין גֶעזוּנְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשׁוֹתֵיכֶם", דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען צוּ אָפְּהִיטְן זַיין גוּף אַז עֶר זָאל בְּלַייבְּן גֶעזוּנְט. שְׁלוֹמִי, מִיט דֶעם וָואס דוּ פַּאקְסְט אַוֶועק דִי אִיבְּרִיגֶע קֶענְדִיס אוּן דוּ עֶסְט נִישְׁט אַלֶעס יֶעצְט אוֹיף, הָאסְטוּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ!

**אֶפְרַיִם:** טַאטִי,

**טַאטֶע:** יָא אֶפְרַיִם?

**אֶפְרַיִם:** פַארְוָואס זָאגְט מֶען "הַמַּלְאָךְ" וֶוען דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עוֹלֶה?

**טַאטֶע:** וַוייל אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, ווִיל מֶען אָנְווָאוּנְטְשְׁן פַאר אַלֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אַ בְּרָכָה, דִי זֶעלְבֶּע בְּרָכָה וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אָנְגֶעווָאוּנְטְשְׁן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ מְנַשֶּׁה אוּן אֶפְרַיִם.



### טְרֶעק 13: נִיגוּן - הַמַּלְאָךְ [CD-2]

הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל אוֹתִי מִכָּל רָע, יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים, וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי,
וְשֵׁם אֲבוֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק, וְיִדְגּוּ לָרוֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ.

הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל אוֹתִי מִכָּל רָע, יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים, וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי,
דֶער מַלְאָךְ וָואס פְלֶעגְט מִיר אוֹיסְלֵייזְן, - פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס פוּן אַלֶעם בֵּייזְן,
אַ הֵייסֶע תְּפִילָה בֶּעט אִיךְ אַצִינְדֶער, - בֶּענְטְשׁ מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער,
אִיךְ זָאל קֶענֶען מִיט זֵיי שְׁטָאלְצִירְן, - וִוי קִינְדֶער פוּן דִי אָבוֹת זִיךְ פִירְן,
זִיךְ מֶערְן בְּלִי עַיִן הָרָע גָאר אַסַאךְ, - אַזוֹי וִוי דִי פִישׁ פוּן טַייךְ.
וְשֵׁם אֲבוֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק, וְיִדְגּוּ לָרוֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ.

### טְרֶעק 14: מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב [CD-2]

**טאַטֶע:** נָאכְדֶעם וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע טֶעג וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעפוּלְט פוּל מִיט מִצְוֹת און יָמִים טוֹבִים, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר, סוּכּוֹת, שְׁמִינִי עֲצֶרֶת, און שִׂמְחַת תּוֹרָה, יֶעצְט טוּעֶן מִיר בַּאגְלַייטְן דֶעם שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב, און מִיר בֶּעטְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל שׁוֹין שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, און קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זָאלְן מִיר אַלֶע קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי אַלֶע שֵׁיינֶע מִצְוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ.

### טְרֶעק 15: נִיגוּנִים - וְהַרְאֵנוּ, אוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם [CD-2]

וְהַרְאֵנוּ בְּבִנְיָנוֹ וְשַׂמְּחֵנוּ בְּתִקּוּנוֹ.
וְהָשֵׁב כֹּהֲנִים לַעֲבוֹדָתָם, וּלְוִיִּם לְשִׁירָם וּלְזִמְרָם, וְהָשֵׁב יִשְׂרָאֵל לִנְוֵיהֶם.
וְשָׁם נַעֲלֶה וְנֵרָאֶה, וְנִשְׁתַּחֲוֶה לְפָנֶיךָ בְּשָׁלֹשׁ פַּעֲמֵי רְגָלֵינוּ.

אוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף שׁוֹין אַלֶע אִידְן,
אוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם לֵייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס.
ס'זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה, מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.



# הערט אונזערע אנדערע

## איך האב ליב

## סידי׳ס, און האט שטארק הנאה!




געזינגען און גערעדט דורך די
הייליגע קינדערלעך קווייער

YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708

Design By: LAZER TORIM 845.371.3000